Nokhem Oyslender:

# שלום-עליכם

„מיר איז גוט — איך בין א יתום“!

## I

אויף אלע זיבן ימען ליגט „צעזייט און צעשפּרייט“ שלום-
עליכמס בילדער-וועלט, און די יידישע קריטיק מאַכט ערשט די
ערשטע טריט אויפן געביט פון זאַמלען און קלאַסיפיצירן שלום
עליכמס ווערק, שלום-עליכמס „העלדן“. עס איז נאָך שווער צו
גרופּירן זיי. שווער צו שטעלן איבער א גאַנצער ריי געשטאַלטן
איין טיטל, וואָרים צו פריש זיינען זיי נאָך אין אונזער אויפפא-
סונג, צו פיל פאַרבונדן מיט געוויסע איינדרוקן, וואָס יעדער ווערק
באַזונדער האָט געוועקט אין אונז. אָבער — פריער אָדער שפּע-
טער — די דאָזיקע אַרבעט מוז דאָך אָפּגעטון ווערן, עס מוז אָנ-
געצייכנט ווערן די ריכט-ליניע אין דעם „מבול“ פון געשטאַלטן,
פאַקטן און סביבות, וואָס שלום-עליכם האָט אויף אונז אַראָפּ-
געראַגנט.

שלום-עליכם גופא האָט אין א געוויסן זינען די דאָזיקע אַר-
בעט פאַרגרינגערט. ער האָט פון אָנהויב אָן פון זיין שאַפן גענומען
צו באַנוצן זיך מיט איין באַשטימטן באַגריף פון „כתרילעוויסע“,
און עס לאָזט זיך שוין איצט איינצוזען, אז אויפדעקן דעם אינ-
האַלט פון דעם כתרילעווקע-באַגריף הייסט ביז א געוויסער מאָס
צו געפינען די ריכט-ליניע פון שלום-עליכמס שאַפן. וואָס ליגט
אַזוינס אין דעם באַגריף „כתרילעווקע“, וואָס האָט יאָרן-לאַנג
גענערט און געשפּייזט שלום-עליכמס קינסטלערישע פאַנטאַזיע?
נעמט מען נאָר צו פאַרגלייכן כתרילעווקע מיט מענדעלעס



גרונטשטריכן פון יידישן ריאַליזם

Basic Characteristics of Yiddish Realism

(Vilna, 1928)

mit

קאַבצאַנסק, אַזוי מוז פאַר יערן באַלד ווערן קלאָר, אַז דאָס זענען צוויי לגמרי פאַרשידענע באַגריפן. קאַבצאַנסק סימבאָליזירט דאָס יידישע אָרעמקייט, די „יידישע טאָרבע”. דער באַגריף האָט הויפּט־זאַכליך אַ סאָציאַל־היסטאָרישן אינהאַלט, וואָס טראָגט אויף זיך אַן אויסגעשפּראָכן־נאַציאָנאַלן לבוש. קאַבצאַנסק איז צוגעבונדן צו אַ געוויסער היסטאָרישער תקופה און האָט נישט קיין האָפענונג אַרויס פון זיינע ד' אמות. אָט קומט, למשל, אין „ווינשפּינגערל” הערשעלע צוריק אין זיין שטעטל אַריין, אָט שרייבט משהלע אין זעלבן ווערק משכילישע בריוו צו שמואל דעם טאַנדעטניק, דעם פאָטער זיינעם. ביידע זענען זיי אויסגעוואַקסן, ביידע האָבן זיי דערגרייכט דעם שפּיץ פון השכלה־וועג. קאַבצאַנסק אָבער, די שטאָט, צו וועלכער זיי ווענדן אויסגעוואַקסנערהייט זייערע בליקן, בלייבט גלייכגילטיק און עקשנותדיק־שווייגנדיק הערט זיך צו צו זייערע שענע רייד און באַגייסטערטע בריוו.

און ווירקלעך, וואָלט זיך נאָר דאָס שטעטל אַ רוק געטון פאַר־אויס, דאַן וואָלט נישט געפּאַסט מער דער נאָמען קאַבצאַנסק צום שטעטל. מענדעלע אָבער האָט קיינמאָל נישט געענדערט דעם סימ־באָלישן נאָמען פון זיין שטעטל. ער האָט אַריינגעלייגט אין אים אַ געוויסן סאָציאַל־היסטאָרישן אינהאַלט, אויף דעם דאָזיקן פּאָן האָט ער געצייכנט אַלגעמיינע עפּאָכן־סכעמעס און מאַסן־גע־שטאַלטן.

מיר זעען דעריבער, ווי געטריי עס גיט זיך אָפּ מענדעלע מיט די „אַקציזניקעס” און „ווינשפּינגערל”. דאָס איז דער איינציקער פאַל, ווען די משכיל־פיגור פלעכט זיך אַריין אין סאָציאַל־עקאָנאָ־מישן באַגריף פון „קאַבצאַנסק”, און ווייל די דאָזיקע פיגור ענ־דערט נישט דעם סאָציאַלן מצב פון שטעטל, דערפאַר בלייבט מענ־דעלע אויך דעמאָלט ביים אַלטן נאָמען: קאַבצאַנסק.

שלום־עליכמס כתרילעווקע איז אַ באַגריף מיט גאָר אַן אַנ־דער אינהאַלט. כתרילעווקע איז אַן אויסגעשפּראָכענע קינסטלעריש־פּסיכאָלאָגישע קאַטעגאָריע. אַלס אַזעלכע לאָזט זי זיך באַדייטער? אין אינהאַלט, נישט ענדערנדיק זיך אין תוך, זי נעמט נישט אַרום דעם יידישן ישוב, אַלס אַזעלכן, אין זיין גאַנצער נאַציאָנאַלער



בריוט. כתרילעווקע איז אַ שיטה, אַ געוויסער טייל פון קאַבצאַנסק, וואָס קאָן מיטנעמען דעם גאַנצן סאָציאַל־עקאָנאָמישן אינהאַלט פון קאַבצאַנסק קאָן אויך ענדערן דעם דאָזיקן אינהאַלט און בלייבט דאָך געטריי דעם פּסיכאָלאָגישן וועזן, וואָס ליגט אין נאָמען „אַ כתריליק”. און מיר זעען דעריבער, ווי זייענדיק געצייכנט לכתחילה אויפן פּאָן פון אַלגעמיינער פאַראָרעמקייט, ווערט די קאַטעגאָריע פון „אַ כתריליק” נישט בטל אויך דעמאָלט, ווען די כתרילעווקער איינוואוינער ווערן מיט דער צייט „ציוויליזירט”, ווען זיי קרינגן טראַמוויי, טעאַטער, און אפילו דעמאָלט, ווען עס בייט זיך כמעט אין גרונד דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סדר פון לעבן, ווען דער כתרילעווקער מנחם־מענדל כאַפּט זיך שוין אַרויס אויף דער גרוי־סער בערזע, וואו ער שמעקט נאָר די „מיליאָנען”, אָדער ווען די כתרילעווקער פאַרזוכן שוין פון די דאָזיקע מיליאָנען און נעמען שוין פאָרן אויף די בעדער — אויך דעמאָלט בלייבט גילטן דער נאָמען „כתריליק”, אַלס אַ פּסיכאָלאָגישע קאַטעגאָריע, אַלס אַ קינסטלערישער סימבאָל . . .

אין דער הינזיכט איז זייער כאַראַקטעריסטיש מנחם־מענדלס אַ בריוו צו זיין פרוי אין דער צייט, ווען ער ווערט אַ יידישער שרייבער. „איך באַשרייב, — שרייבט מנחם־מענדל — אַלע שלים־מזל'ן, וואָס שטייען איין מיט מיר אויף איין סטאַנציע. איך קאָן מיך באַרימען, אַז ס'איז מיר, קיין עין־הרע, געראָטן איין שלים־מזל גרעסער פון אַנדערן. נאָר דער גרעסטער פון אַלע איז דער, וואָס מען רופט אים ביי אונז דער „מוצלח”... (אַ בכבודיקע פּרנסה (באַנ VII).

אין דער דאָזיקער ציטאַטע האָבן מיר כמעט אַ הקדמה צו „די קליינע מענטשעלאַך מיט די קליינע השגות”. די קינסטלערישע אויפגאַבע צו מאָלן „אַלע שלים־מזל'ן” איז אויך אין דער ערשטער כתרילעווקע־סעריע די זעלבע, ענלעך איז אויך די באַציונג צו די שלימזלים (נישט די אויבנאַראָפּיקע, די מענדעלעשע, נאָר די אינטימע, די שלום־עליכמשע). אָבער נאָך מער דערקענען מיר

omit till section ד

דאָ דעם „כתריליק'', ווען מיר לייענען ווייטער אין זעלבן בריוו: „ער (דער מוצלח) זאָגט אליין אויף זיך, אז ער טוט א קוק אין טייך אריין — פּגרן אוים אלע פיש. ווי דו קוקסט אים אָן, איז ער צו די צרות נאָך א ווערטל-זאָגער אויך. אליין איז דאָס א קליינטשיקס און א רירעוודיקס, מיט ברענענדיקע אויגעלעך. דאָס קאפּעלושל איז ביי אים פאררוקט ארונטער, די הענט אין די קעשענעס און דער מוח ארבעט — קאָמבינאציעס, אָן א שיעור קאָמבינאציעס. ער זאָגט, אז ער מוז „נעפּרעמענאָ'' זיין א מיליאָנער, א ניט — הויבט ער זיך אויף און פאָרט אוועק קיין אמעריקע. דאָרט האָט ער שוין גאָר קיין דאגה נישט''

איצט האָבן מיר פאר זיך די געשטאלט פון „מוצלח'' אין איר גאנצער גרויס. נישט דער „יידישער קרעכץ'', דער אלגעמיין-יידישער זשעסט, מענדעלעס „בע'' און „מע'' שאפן דעם פסיכאָלאָגישן אינהאלט פון דער דאָזיקער פיגור. ערגעץ ליגט דאָרט פארוואָרפן דאָס יידישע שטעטל ווו מ'טרוימט נאָך „ ווען איך בין ראָטשילד'' און ער, דער „מוצלח'', איז פון יענער סביבה ארוים, ער וויל שוין „נעפּרעמענאָ'' ווערן א מיליאָנער און, קענטיק, מיט גאָר אנדערע צילן... און דאָך לעבט אין דעם „מוצלח'ס'' פיגור דער כתרילעוקער טאָן, די כתרילעווקער פסיכאָלאָגיע. און איר דערקענט אין דעם ווערטל-זאָגער, וואָס פון זיין קוק פּגרן אלע פיש אין טייך'', דעם אלט-באקאנטן כתריליק, וואָס איז אמאָל געקומען צו ראָטשילדן מיט דער באַרימטער עצה, ווי אזוי צו בלייבן אומשטערבלעך...

דער „מוצלח'' איז שוין ניט די טראדיציאָנעלע יידישע געשטאלט. זי לעבט שוין אין אן אנדער סביבה, און אנדערע געזעצן הערשן שוין איבער איר. עס איז אָבער פארבליבן אין איר דער ניצוץ פון „א כתריליק'', ווייל דער נאָמען טראָגט אין זיך באהאלטן א געוויסע קינסטלעריש-פסיכאָלאָגישע קאטעגאָריע.

מיר שטעלן זיך נישט אָפּ גענויער אויף דעם כתרילעווקער באגריף, ווייל אונז אינטערעסירט דאָ, הויפּטזאכלעך, דער מעמאַר, לויט וועלכן דער באגריף איז געבויט, נישט דער באגריף גופא. וואָלטן מיר איצט נעמען אנאליזירן דעם באגריף פון „שלום-



עליכמס קינד'' (און שלום-עליכם האָט בלי ספק געשאפן אזא באגריף), וועט פאר אונז אויך דאָס מאָל ארויסבאווייזן זיך דאָס זעלבע. עס איז ווידער נישט יענער באגריף, אין וועלכן מיר געפינען בלויז דעם פּראָדוקט פון געוויסע סאָציאַל-עקאָנאָמישע באדינגען, ווי מיר זעען דאָס, למשל, ביי הערעשלען און „ווינשפינגערל''. פונקט ווי עס לאָזט זיך ציען אין דער טיף און אין דער ברייט דער באגריף פון „כתריליק'', אזוי איז אויך שלום-עליכמס קינד ניט בלויז אתנגעוועבט אין קאָלאָריט פון זיין צייט. אין דער זעלבער מאָס, ווי דער „מוצלח'', בלייבט עס זיך געטריי ביי די פארשיידנסטע אומשטענדן, און וועלכע מיר טרעפן ביי שלום-עליכמען דאָס יידישע קינד. צי וואָלט, באמת, מעגליך געווען דורכצופירן מאָטל פייסי דעם חזנס איבער דער גאָרער אייראָפּע אזוי, ווי שלום-עליכם האָט עס באוויזן צו טאָן, ווען מאָטל זאָל זיין אונטערגעוואָרפן אויף דורכאוים דעם שאבלאָן פון קליינשטעטלדיקן לעבן? נישט די מנהגים פון קליינעם שטעטל זיינען געווען די געזעצגעבנדיקע פאר מאָטלס כאראקטער, ווארים די מנהגים בייטן זיך ארום אים די גאנצע צייט פון דער רייזע. מיר זעען אין מאָטל דעם חזנס, ווי אין ידעם קינד פון שיר-השירים, ווי עס וואקסט אוים דער פארנעם פון זייערע איבערלעבונגען, און דאָס קומט גראָד פאָר נישט קאטאסטראָפאליש, עס בייט זיך עפּיס אָרגאניש, טיף אין וועזן פון קינד. ווייל דאָס קינד שלום-עליכמס, דאָס זעלבע, וואָס האָט געקאָנט אויסשטיין אלע נסיונות פון „מעסערל'', און פון „פידעלע'', אָט דאָס קינד טראָגט אין זיך א באשטימטע אינדיווידועלע קראפט, באשטימטע סמנים פון א פערזענליכקייט. און דאָס לאָזט ווידער שלום-עליכמס קינד אָפּטמאָל צו שטיין אויסער דער עפּאָכע, אויסער די מנהגים, וואָס זיינען מיט איר פארבונדן, און אויסער די אויבערפלעכליכע נויגונגען, וואָס זיינען פון איר דערצויגן.

פונקט ווי דער זעלבער באגריף פון „שלום-עליכמס קינד'', איז אויפגעבויט אויך „טביה דער מילכיגער''. מיר האָבן דאָ ווידער נישט בלויז דעם סך-הכל פון א געוויסער עפּאָכע. טביה דער מילכיגער, וואָס לאָזט אזוי פיל וואָרצלען אין דער טיף פון

עס איז נישטאָ קיין פּלוני בן פּלוני — נאָר איין כּלל-ישׂראל, נאָר דער אַלגעמיינער טיפּ, נאָר די סטערעאָטיפּע געשטאַלט.

און פּונקט דערצו זענען געווען צוגעפּאַסט די מיטלען פון מענדעלעס קונסט. מענדעלע נוצט אויס צוליב זיינע צוועקן דאָס ברייטע עפּישע לייוונט — דעם ראָמאַן. לויט זיין פאָרשטעלונג איז דער ראָמאַן דאָס איינציקע קלייד, וואָס פּאַסט צו דער גרויס פון דער מאַיעסטעטישער „כּנסת ישׂראל", און ער, מענדעלע, איז דער געטרייסטער, ווער עס מעג דאָס דאָזיקע ראָמאַן-קלייד איר צוטראָגן. און אָט אויפן געביט פון דעם דאָזיקן „יידישן ראָמאַן" קומט פאָר דער ערשטער צוזאַמענשטויס פון די צוויי ערליי קינסטלערישע סטיכיעס, וועלכע מיר רופן אָן מענדעלע און שלום-עליכם.

ווי מיר זעען איצט שוין פון שלום-עליכמס בריוו, האָט דער מחבר פון „סענדער בלאַנק", „סטעמפּעניו" און „יוסעלע סאָלאָוויי" ביז א געוויסער צייט געקעמפּט אין שלום-עליכמס גייסט מיט דעם מחבר פון „טביה דעם מילכיקן", „מנחם מענדלען" און אנדערע ווערק. מיר ווערן געוואָר פון שלום-עליכמס א בריוו צו דובנאָוון, למשל, אז „סענדער בלאַנק" איז נאָר דער ערשטער טייל פון א געוויסער עפּאָפּעע, וועלכע שלום-עליכם האָט בדעה צו שרייבן לויטן מוסטער פון זאָלאַס רוגאָנען-עפּאָפּעע. מיר ווערן אויך געוואָר, אז צו זיינע ראָמאַנען באַציט זיך שלום-עליכם אַנדערש, ווי צו אַנדערע ווערק זיינע. וועגן „סטעמפּעניו", למשל. שרייבט שלום-עליכם דעם זעלבן דובנאָוון, אז ער האָט זיך אין דעם ווערק דאָס ע ר ש ט ע מאָל געפּרוווט אַראָפּלאָזן צום פאָלק, הגם שלום-עליכם האָט שוין דעמאָלט געהאַט אָנגעשריבן „דאָס מעסערל" און א ריי אנדערע דערציילונגען. וועגן „יוסעלע סאָלאָוויי" שרייבט שוין שלום-עליכם גאָר, אז ער שרייבט דעם ראָמאַן, ווייל ער קאָן מער נישט פאַרזעצן זיין געוויינלעכן קינסטלערישע ארבעט, „לצוועק (יוראַדסטוואָוואט)" אין אזא שווערער צייט, וועלכע דאָס יידישע פאָלק לעבט איבער.

מיר ווערן פון די דאָזיקע בריוו אזוי ארום געוואָר, אז די ראָמאַנען זענען שלום-עליכמס א פּרווו צו געבן עפּעס נייס, אז דער מאָנאָלאָג פון „א קליין מענטשעלע מיט א קליינער השגה" —



...פּאָקס ביבליאָטעק
62/3
Montreal

אונזער פאַרגאַנגענהייט, איבערראַשט אונז גראָד מיט דער גרייטקייט, ווי ער גייט אנטקעגן אלע היסטאָרישע שינויים. אָן אויסגעכאָוועטער אין אלע זיינע מידות פון אַלטן יידישן לעבנס-שטייגער, איז ער דאָך מעכאַניש מיט אים נישט פאַרבונדן און פון יאָר צו יאָר, פון דור צו דור גייט טביה דער מילכיגער שטענדיק זיך א געטרייער, נאָר דערביי רייך מיט מעגלעכקייטן פון גייסטיקער אנטוויקלונג.

אויף אזא אופן קומען מיר דערצו, אז אונטער די דריי וויכטיקסטע קינסטלערישע קאַטעגאָריעס וואָס שלום-עליכם האָט געשאַפן — דאָס קינד, דער כתריליק און טביה דער מילכיגער — זעען מיר איין און דעם זעלבן מעטאָד, לויט וועלכן זיי זענען אויפגעשטעלט. עס איז קלאָר, אז דער יועג, מיט וועלכן שלום-עליכם איז געגאַנגען צו „אויסער-עפּאָכישע" פיגורן, איז דער וועג פון שלום-עליכמס אנטוויקלונג, די עיקר ריכט-ליניע פון זיין שאַפן.

VI

צוליב דער כאַראַקטעריסטיק פון שלום-עליכמס קינסטלערישן וועזן איז נויטיק צו דערמאָנען איניקע שטריכן פון יענעם רעאַליזם, וועלכן מיר האָבן ביי מענדעלען און פּרצן.

די יידישע ליטעראַטור ביז מענדעלען און מענדעלע גופא דאָס איז געווען א באַשרייבנדיקע ליטעראַטור, וואָס האָט געגעבן היסטאָרישע סביבות, עפּאָכן-בילדער, געשילדערט אויסשליסלעך דורך מנהגים. אין די ראַמען פון פאַרשיידענע מנהגים — פאַרצייטיקע אָדער „מאָדערנערע", נאַיווע, אָדער גאָר ווילדע — אָט אין די ראַמען קומט פאָר דאָס לעבן פון דער עפּאָכע, וואָס ווערט געשילדערט פון מענדעלען. מענדעלעס קלאַסישע קונסט איז דורכאויס אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ פון דער איינהייטלעכקייט און איינטאָניקייט, וואָס פּאַסט פאַר דער „מאַטעריע יוד", וועלכע ער האָט געוואָלט שילדערן. געפּרעסט און געבונדן זענען אויס מענדעלעס „אַטאָמען" אין זיינע ווערק, עס ווערן נישט פון זיי קיין יחידים

„דאָס מעסערל" — באַפרידיקט מער נישט שלום-עליכמס קינסטלערישע נטיות. די ראָמאַנען שטעלן פאָר, ווי ס'ווייזט אויס, אַן אויסוועג פון פריש-אָנגעזאַמלטע כוחות, פון ניי-צוגעקומענעם ערנסט. און גראָד אָט אין די ראָמאַנען פאַרווערט מענדעלע שלום-עליכמען צו שרייבן, ווי דאָס לאָזט זיך לייענען צווישן די שורות אין דער הקדמה צו „סטעמפעניו".

„איך וואָלט אייך געראַטן — שרייבט מענדעלע — קיין ראָמאַנען נישט צו שרייבן, דען אייער גופט, אייער זשאַנר איז גאָר עפּעס אַנדערש".

אין די דאָזיקע ווערטער איז כמעט ווי אַן ענטפער אויף אַלע האָפנונגען, וועלכע שלום-עליכם לייגט אויף זיינע ראָמאַנען אין די בריוו צו דובנאָוון. מענדעלע לייקנט אָפּ ביי שלום-עליכמען די פעאיקייט צו שרייבן ראָמאַנען. וואָרום אין דעם ראָמאַן איז נישט דער ליבע-עפּיזאָד ביי מענדעלען דער עיקר, נאָר די גרויסע סיסטעם וועלכע ווערט אין ראָמאַן אויפגעשטעלט, די סיסטעם פון פּעדימלעך פון דער „מאַטעריע יוד", וואָס לעבן קיינס נישט פאַר זיך און נאָר אַלע צוזאַמען, — אָט דאָס איז דער ציל פון ראָמאַן.

אין אָט דעם דאָזיקן וועג פאַרווערט מענדעלע שלום-עליכמען צו באַטרעטן. „אייער גוסט, אייער זשאַנר איז גאָר עפּעס אַנדערש", שרייבט מענדעלע.

וואָס-זשע איז אַזוינס דער דאָזיקער שלום-עליכם-גייסט?

## III

עס ליגט אַ פאַרבאָרגענער חן אויף דער הקדמה צו די „כתבים פון אַ קאָמי-וואָיאַזשאָר", וווּ שלום-עליכם פּרוּווט זיך מיט געשליפענע און פאַרשטעלטע ווערטער באַצייכענען זיין ליטעראַרישן און מענטשלעכן גוסט.

דער מונטערער שלום-עליכם, וואָס האָט, דאַכט זיך, פאַר זיין דעוויז געמאַכט מאָטל דעם חזנס אויפרוף: „מיר איז גוט — איך בין אַ יתום!", דער זעלבער שלום-עליכם, דערווייסן מיר זיך,



האָט דווקא ליב די „כמורנע אָסיען-צייט". עס ציט דעמאָלט שלום-עליכמען אין דריטן קלאַס אַריין, וואו ער פאָרט מיט יידן, וואָס קערן זיך אום פון „קבר אבות", צוזאַמען מיטן „גליקלעכסטן פון קאָרניע" און צוזאַמען מיט אַלע „גליקלעכע און גליקלעכסטע", אויף וועלכע עס רוט אָפּ זיין אויג.

אין וואָס באַשטייט דאָ, פרעגט זיך, דער עכטער שלום-עליכמשער גוסט? אין דער הינזיכט זענען די „כתבים פון אַ קאָמי-וואָיאַזשאָר" כמעט דאָס איינציקע ווערק, וואו אַלץ טרעט אַרויס בולט און קלאָר. פּונקט ווי אין מענדעלעס ווערק, האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט איינעם, וואָס בלייבט נישט צוגעבונדן צו אַ געוויסן ווינקל פון יידישן לעבן. דער קאָמי-וואָיאַזשאָר אין וואָגאָן — דאָס איז מענדעלע אין ביידל, אָבער נאָר אין דעם, אינם אויסערלעכן, זענען זיי איינציק, ווייטער הויבט זיך אָן די פאַרשידנקייט, וואָס גייט פון תוך ביז צו די מינדסטע דעטאַלן.

מענדעלע, ווען ער זיצט אין ביידל, מעסט ער אויס מיט די אויגן דעם גאַנצן יידישן ישוב און עס שוועבט פאַר זיינע אויגן די „מאַטעריע יוד". אָט האָט זיך מענדעלעס ביידל אָנגעשטויסן אויף אַ איסר וואַרגער, דאָס „קליינע מענטשעלע", אָט איז דאָס ביידל אַרויפגעפאָרן אויף אַלטער יכנה"ז מיט דער מעשה וועגן פישקען, אָט זאַמלט מענדעלע אויף זיין ביידל די מעשה וועגן דער „קליאַטשע", וועגן „ווינשפינגערל" — אומעטום זעען מיר מענדעלען, ווי ער פאָרט אום מיט זיין ביידל און זאַמלט דאָס יידנטום, זאַמלט די פּעדימלעך פון דער „מאַטעריע יוד".

וואָס זאַמלט דער קאָמי-וואָיאַזשאָר? דער האָט גאָר אַן אַנדער טבע. נישט דערין באַשטייט זיין טבע, וואָס ער איז מונטער, וואָס ער האַלט פּונם כלל, אַז „לאַכן איז געזונט — דאָקטוירים הייסן לאַכן", נישט דאָס יאָגט דעם קאָמי-וואָיאַזשאָר צו דער עדה יידן, בשעת יענע זענען פּונקט פאַרדאַגהט, פאַרזאָגט און שמעקן מיט „קבר אבות"...

דער קאָמי-וואָיאַזשאָר ווערט צוגעצויגן צו דער דאָזיקער עדה יידן דורך עפּעס אַנדערש.

„ביי מיר איז אַ שאַרף אויג, דערציילט ער וועגן זיך, —

ניט קיין געוועגלעכע מענטשן וועל איך באַמערקן צווישן הונדערט". און אָט דאָס אויג, וואָס זעט נישט די „מאַטעריע יוד", דעם גרויסן יידישן קיבוץ, נאָר דעם פּרט זיינעם, דאָס נישט געוועגלעכע, — דאָס ציט שלום-עליכמס קאַמי-וואַיאַזשאַר אין דריטן קלאַס אריין, סיי אין דער „כמורנער אָסיען-צייט", סיי אין די איבעריקע צייטן פון יאָר.

דערמאָנט זיך, ווי מענדעלע פאָרט און איז אנטציקט פון דער ארומיקער זומער-נאַטור, ווי גרויס איז דעמאָלט דער ווידערשפּרוך צווישן דער פּראַכט פון דער נאַטור און דער גרויער, „געוועגלעכער" יידישער שטאָט, צו וועלכער מענדעלע פאָרט. זענען דען פאַראַן נישט-„געוועגלעכע" יידישע שטעט? אַלצאיינס, וואוהין דאָס פערדל וועט זיך נישט נעמען, רעכטס אָדער לינקס — אַרט עס נישט מענדעלען. אומעטום איז דאָך דער זעלבער כל-ישראל, די זעלבע „מאַטעריע יוד", מיט איר אַלגעמיינעם פּנים און מיט אירע פעסטע, איינגעפונדעוועטע מנהגים.

שלום-עליכמס קאַמי-וואַיאַזשאַר האָט שוין גאָר אן אנדער וועלט-אויפפאַסונג. זיין שטענדיק ציען זיך צום נישט-געוועגלעכן, פּירט אים אַוועק פון דעם כל-ישראל מיט זיין מנהג צום רב-ישראל מיט זיין השגה, פון דעם כלל מיט זיין טראַדיציע צום פּרט מיט זיין ווילן.

שלום-עליכם מאַכט דערביי נאָך איין שריט פאָרויס. ער רייסט אָבער יענע מעכאַנישע פאַרבינדונג צווישן די געשילדערטע פיגורן און דער סביבה פון זייער צייט, וואָס איז אַזוי וויכטיק געווען פאַר מענדעלען. אויב מענדעלע האָט געוואָלט אַלעמאָל די אָדער יענע סביבה זען נאָר אין דעם אַספּעקט פון אירע פעסטע, איינגעפונדעוועטע טראַדיציעס, איז שלום-עליכם דווקא נישט גענייגט זיך אָפּצוזאָגן פון אויסנאַם-פיגורן און אויסנאַם-בילדער; אויב מענדעלע האָט פאַרשטאַנען דאָס עפּאָכע בילד נאָר ווי א סכום פון געוויסע אינערלעכע, פאַרגליווערטע געוואוינהייטן און רגילות, איז שלום-עליכם דווקא גענייגט צו שילדערן דעם ריס פון אָט די געוואוינהייטן, דעם איבעררייס אין דער אינערציע. דערפאַר פילט זיך אין זיינע געשטאַלטן נישט די אינערטע-פאַרבינדונג מיטן



ארום, זיי זענען נישט קיין מעכאַנישע פּראָדוקטן פון זייער סביבה, און דערפאַר דאַרפן זיי אין מענדעלעס פאָרשטעלונג גילטן ווי „אויסער-עפּאָכישע" פיגורן. שלום-עליכם הערט אָבער קיינמאָל נישט אויף צו זוכן אַזעלכע געשטאַלטן.

אָט דערציילט דער קאַמי-וואַיאַזשאַר:

„מיר איז אָט דער פאַרשוין באַלד געפעלן געוואָרן. מיר איז געפעלן זיין ברייטקייט, מיט זיין שפּראַך, מיט זיין האַלטן אונז אַלעמען פאַר בהמות. איך האָב ליב, איך בין מקנא אַזאַ יידן". (באַראַנאָוויטש 40).

דאָ רעדט מער נישט מענדעלעס גוסט, וואָס האָט דעם הערשעלען איינגעפלאַכטן אין די טויזנטער „אַטאָמען" פון יידישן לעבן, כדי צו דערזען אין אים דעם שכל, וועגן וועלכן דאָס יידישע שפּריכוואָרט זאָגט: „אַלע יידן האָבן איין שכל". דאָ רעדט דער קינסטלער, וואָס איז פאַרליבט נישט אין דעם אַלגעמיינעם שכל, נאָר אינעם נישט-געוועגלעכן, פאַר וועלכן דאָס יידישע שפּריכוואָרט האָט אויסגעקעמפט אן אָרט, זאָגנדיק: „איטלעכער מענטש האָט זיין שגעון".

און אָט אין וועג פון דער דאָזיקער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון אונזער פאָלקס-באַוואוסטזיין איז שלום-עליכם געגאַנגען און דאָס האָט געשאַפן אַזאַ גרויסן חלל צווישן אים און מענדעלען. דעריבער האָט עס אויך מענדעלע אַזוי ריכטיק געפּסקנט: שלום-עליכם דאַרף קיין ראָמאַנען נישט שרייבן. שלום-עליכמס גוסט איז נישט די ראָמאַנען-פאָרם, וואָס פּאַסט, לויט מענדעלעס פאָרשטעלונג, נאָר פאַר דער מאַיעסטעטישער געשטאַלט פון דער כנסת-ישראל, און איר גאַנצער גרויס געזונעמען. שלום-עליכם מוז זוכן אנדערע פאָרמען, וועלכע זאָלן מער בויגיק און „נישט געוועגלעך" זיין, ווי בויגיק און „נישט-געוועגלעך" עס איז געווען שלום-עליכמס גייסט.

אין דער הקדמה צו „סטעמפּעניו" פילט זיך, ווי דער שווערפּונקט פונם יידישן שאַפן טוט זיך א רוק ווייטער פון מענדעלעס געשטאַלט. א געקומענער נאָך דורות פון יידישער עמקות, נאָך יאָרהונדערטער פון סינטעטישן יידישן שאַפן, איז שלום-עליכם

דער ערשטער יידישער קינסטלער, וואָס האָט זיך באפרייט פון דער סינטעטישקייט אין זיין גייסט. און אוועקגייענדיק מיט א גרינגן געפיל פון דער פארגאנגענהייט, ווו דער יידישער קינסטלער איז געבונדן געוועזן דורכן כל-ישראל-באגריף, אָן ערשט דערוואכטער צו א פרייען מענטשלעכן האנדלען און וואנדלען, האָט שלום-עליכם מיט רעכט געמעגט אויסרופן, ווי מאָטל פייסי דעם חזנס: מזל איז גוט — איך בין א יתום!...

שלום-עליכם איז די דאטע, יוען די יידישע קונסט איז פריי געוואָרן, וואָרום אנשטאט מענדעלעס קונסט, וואָס האָט געזאמלט „יידעלעך", האָבן מיר באקומען שלום-עליכמס קונסט, וואָס האָט געזאמלט „מענטשן".

IV 3

אוועקגייענדיק פונם „כל-ישראל" מיט זיין מנהג צו דעם „רב ישראל" מיט זיין השגה, האָט שלום-עליכם באקומען די מעגלעכקייט דורכן „נישט-געוועגלעכן", דורך דעם, וואָס געהערט צום פרט, געבן די גאנצע גאלעריי פון זיינע „אויסער-עפּאָכישע" פיגורן. אָבער דאָ, וואו ער גייט אוועק פון מענדעלען, דעם פאָרקעמפער פון יידישן רעאליזם, באגעגנט זיך שלום-עליכם מיט פּרצן.

האָבן צו טון מיט דער השגה אנשטאט דעם מנהג איז אויך פּרצס טבע געוועזן. „די שטומע נשמה", דערציילט פּרץ, האָט איר גרויסע השגה, זי ווערט כביכול א שטיקל שותף צום הקדוש ברוך הוא אין מעשי בראשית". מיר ווייסן, אז גראָד די דאָזיקע „השגה" האָט פּרץ אין אלע זיינע העלדן געשילדערט און גראָד דערפאר איז פּרץ, קומענדיק נאָך מענדעלען, וואָס האָט כמעט ווי איגנאָרירט די עטיש-שאפנדיקע כוחות פון יידישן פאָלק, געוואָרן מפורסם פאר א קינסטלער מיט „עטישע צוועקן".

ווי-זשע באציען זיך צווישן אנאנד דער באגריף פון דער מענטשלעכער השגה, ווי עס פּאסט זי אויף שלום-עליכם, און מיט וואָס איז זי פארשידן פון פּרצס „השגה"?



פּרצס השגה איז קודם כל א „גרויסע השגה", אן אוניווערסאלע השגה. אדאנק איר ווערט פּרצס העלד א „שותף צום הקדוש ברוך הוא אין מעשי בראשית", די דאָזיקע השגה איז א העראָאישע, א מסירת-נפשדיקע. פּרצס „השגה" האָט אָבער נאָך איין טבע אין זיך. זי איז די „נאקעטע נשמה", ד. ה. דער ווילן, בלויז דער מענטשלעכער ווילן.

עס איז שוין ~~אין פּרץ-קאפּיטל אנגעוויזן~~, ווי עס בלייבן אויסער פּרצס קוק אלע מענטשלעכע עמאָציעס, וואָס וויקלען און פלאָנטערן זיך ארום דעם מענטשנס לעבנס-וועג. פּרצס „השגה" — דאָס איז די גראָדע ליניע ארויף, אין דער הויך, „אויב נישט נאָך העכער"... פּרצס „נאקעטע נשמה" איז דער סינאָנים פון „ווילן", און נאָר אין אים אלס א פּרינציפּ פון א פּערזענלעכקייט אָריענטירט זיך פּרץ. דערפאר האָבן מיר אין פּרצס געשטאלטן שטענדיק נאָר דעם פּרינציפּ פון דער אָדער יענער פיגור, נאָר דעם „קאטעגאָרישן אימפּעראטיוו" און נישט מער.

פונקט ווי מענדעלע איז געבונדן דורך דעם, וואָס ער זוכט נאָר דאָס „יידישע פּינטעלע" אין מנהגים, אזוי איז פּרץ געבונדן דורך דעם, וואָס ער זוכט נאָר איין „פּינטעלע", דאָס פּינטעלע פונם ווילן, פון דער גרויסער אוניווערסאלער השגה. דערום איז פּרצס קונסט מער די קונסט פון וועקן ביי אונז פאָרגעפילן, איידער פון געבן אונז בילדער.

די הויפּט-שטריכן פון שלום-עליכמס „השגה" טרעטן ארויס פאר אונז גאנץ קלאָר. שלום-עליכם שילדערט די „קליינע מענטשעלעך מיט די קליינע השגות". די השגה איז דאָ נישט די אוניווערסאלע „גרויסע השגה", זי איז אָבער אויך נישט די „נאקעטע" השגה. אויב פּרצס „השגה" איז דער טייטש „ווילן", איז שלום-עליכמס השגה די טייטש „ליידנשאפטן". וואָרום די גאנצע גאמע פון מענשלעכע איבערלעבונגען, אלע מענטשלעכע עמאָציעס, וואָס ציען צו שלום-עליכמס אויג, זענען שטענדיק דאָס „נישט-געוועגלעכע" און זיי זענען „נישט-געוועגלעכע" דערפאר. ווייל עס לעבט אין זיי א געוואלטיק-גרויסע קראפט פון אוממיטלבארער איבערלעבונג. כמעט א פאנטאסטישע באשוואָרנקייט לעבט אין די

אלע יידן, וואָס ברענגען מיט זיך נישט „פּעקלעך'', ווי שלום-עליכם רופט עס אָן, נאָר דיבוקים, מזיקים און רוחות, וועלכע לעבן אין זיי.

דעם אָנווייז דערויף באקומען מיר פון בעל-מחשבותן: „מנחם-מענדלען רינגלען ארום אלערליי מלאכי חבלא, וואָס ווארפן אים א גאנצע וואָך פון איין עק אין אנדערן''. „מנחם-מענדל פון יהופּעץ, — שרייבט בעל-מחשבות, — דאָס איז די יידישע פאָלקס-משוגעת אין דער געשטאלט פון א יידישן סוחר''.

עס איז זעהר א ריכטיקע אָנווייזונג, אָבער עס איז גענוג זיך צוקוקן גענטער צו די איבעריקע העלדן שלום-עליכמס, וואָס האנדלען נישט אויף דער בערזע, כדי צו דערזען אין זיי ווידער א משוגעת.

אָט טרעט ארויס פאר אונז „יוסף'', דער „רזשענמלמען''; ווי שלום-עליכם רופט אים, און דערציילט:

„ביי מיר, אז איך וויל עפּעס דערזען א זאך, איז גאָר נישטאָ קיין תירוץ. פון געלד שמועסט מען נישט. איך בין דאָך א יונגערמאן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, א סוחר און א שענער פארדינער, און א קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פּאָדאָבנע'' (יוסף 25).

און אָט פון דעם דאָזיקן יונגערמאן הערן מיר אויס א געשיכטע פון זיין ליבע, אין וועלכער ער האָט אריינגעלייגט אזא אָנגעשטרענגטקייט פון קעפּיל, אז נישט-ווילנדיק קומט ער אליין צום באשלוס: „אָט אזא משוגענער בין איך''...

אין די „כתבים פון א קאָמי-וואָיאזשאָר'' טרעט פאר אונז ווידער ארויס א „נישט-געוועגלעכע'' געשטאלט; „דער מענטש פון בוענאָס-איירעס''. פול מיט אנצוהערענישן און מיט פאָרזיכטיקע בליקן פארקוקט זיך שלום-עליכם אין דער דאָזיקער „עקזאָטישער'' נשמה און, ווען מיר האלטן נאָך גאנץ ווייט פון קענען זי, הערן מיר שוין ווידער אן אויסגעשריי: „אָט אזא משוגענער בין איך''... (כתבים פון א קאָמי-וואָיאזשאָר).

דער ייד פון מאָנאָלאָג „גימנאזיע'', א ייד, וואָס גייט מיטן גאנג, אז „שטיל און פּאמעלעך איז בעסער'', דער דאָזיקער ייד דערצוולט: „איך האָב מיך, הערט איר, דעמאָלט אליין אָנגע-



קוקט, ווי א משוגענעם. ניין, זאָגט אייך, וואָס איר ווילט, נצחון איז א גרויסע זאך''.

דער ייד פון די „דריי אלמנות'', וואָס בארימט זיך:

„מיר טראסקען נישט! מיר קנאקן נישט! מיט פליען נישט אין הימל אריין! מיר גייען פּאָוואָלי'' דער דאָזיקער ייד דערציילט וועגן זיך: „וואָס מיט מיר איז געוואָרן, אז איך האָב דערהערט די דאָזיקע שיינע בשורה, וויל איך אייך נישט דערציילן. איר וועט זאָגן, אז איך בין א גזלן, א מטורף, א משוגענער. זי, די אלמנה, הייסט עס, האָט אויך געזאָגט דאָס אייגענע'' און ס'איז קענטיק, אז אויך ער אליין מיינט וועגן זיך דאָס אייגענע, ווען ער רופט אויס: „אָט אזא מענטשל בין איך מיר!''

דער ייד פון דעם מאָנאָלאָג „פינף און זיבעציק טויזנט'', וואָס דערציילט וועגן זיך: „איך בין, ווי איר זעט מיך, א ייד פון א גאנץ יאָר'', אויך דער קומט צום באשלוס: „אָט אזא משוגענער בין איך''. (כתבים פון א קאָמי-וואָיאזשאָר 54).

עס איז שוין אָפּגערעדט פונם יידן פון „מילכיקס'', וואָס האָט זיך זיין שגעון-מילכיקס, נאָר אויך דער ייד דער „נשרף'' („איך בין, דארפט איר וויסן, א ייד, א גזלן''), דער ייד פון „ביים דאָקטאָר'' („איך בין, ווי איר זעט מיך, א גרויסער בעל-נצחון''), די יידענע פון „גיטל פורישקעוויטש'' — אלע די דאָזיקע געשטאלטן טראָגן זיך ארום מיטן באוווסטזיין: „אָט אזא משוגענער בין איך''. אלע האָבן זיי זייער שגעון, זייער ליידנשאפט.

און קוקט מען זיך איין אין שלום-עליכמס ווערק, קריגן מיר דאָ גראָד נישט דעם מארטיראָלאָג פון „באליידיקטע און פארשטויסענע''. נאָר פארקערט, מיר האָבן דאָ א גאלעריע פון ליידנשאפטן, נישט בלויז אין זייער יידישן, נאָר אין אלמענטשלעכן זינען. עס איז איצט קיין חדוש נישט, פארוואָס שלום-עליכם איז נעגאנגען זוכן „השגות'' ביי די „קליינע מענטשעלעך'' דאָרט, וואו פּרצס „השגה'', דער העראָאישער ווילן, שפּראָצט אזוי קליין. שלום-עליכמס השגה אָבער, די מענטשלעכע ליידנשאפט, האָט שלום-עליכם אויך דאָ געקאָנט געפינען, פונקט ווי ער האָט זי געפונען ביי די קינדער.

דאָס „נישט-געוועלנלעכע", די מענטשלעכע ליידנשאפטן, וועלכע האָבן שטענדיק צוגעצויגן זיין אויג און האָבן געלאָזט אים צווישן די „קבר-אבות-יידן", אונטערשיידן די „גליקלעכסטע פון קאָרגיע" און צוזאמען מיט זיי אלע „גליקלעכע און גליקלעכסטע" — דאָס איז די שארפע גרעניץ-ליניע, וואָס טיילט אָפּ שלום-עליכמען פון פרצן און דאָס האָט אויך באשטימט אלע זיינע קינסטלערישע אויפגאבעס אין משך פון זיין גאנצן לעבן.

שלום-עליכם, האָבן מיר אויבן געזאָגט, איז די היסטאָרישע ראטע, ווען די יידישע רעאליסטישע קונסט איז ענטגילטיק באפרייט געוואָרן.

די דאָזיקע דערגרייכונג פון שלום-עליכמס קונסט האָט באדארפט אָבער, כדי צו קומען צו דער מדרגה פון קלאסישער קונסט, אנשליסן זיך אָן פרצס דערגרייכונגען, אָן די אוניווערסאלע מאָסשטאָבן פון זיינע בילדער, אָן די טראגישע מאָטיוון פון זיינע סיוזשעטן. אָט דאָס, וואָס פרץ האָט דורכגעמאכט, אדאנק דעך אינטואיציע פון זיין גרויסער פערזענלעכקייט, וועלכע האָט אים דאָך נישט געלאָזט גיין ווייטער פון דער „נאקעטער נשמה" — אָט דאָס האָט איצט געדארפט דורכמאכן שלום-עליכם, אין ווען עס האָט געלעבט בלויז די אינטואיציע פון א קינסטלער, בלויז דער חוש פון איינעם, וואָס האָט זיך געזאָגט: „מאלען לעבעדיקע טיפּן איז א תענוג; מאלן טיפּן, וואָס שטארבן אָפּ, איז א מצוה".

דעריבער באדייט פאר אונז אזוי פיל די פראגע וועגן דעם באַנעם פון שלום-עליכמס „השגות". אין דעם, ווי די „השגות" זענען ביי שלום-עליכמען בהדרגה געוואקסן אין זייער גרויס און זייער אלמענטשלעכקייט, אין דעם, ווי שלום-עליכם האָט פון א מעסערל-ליידנשאפט זיך דערהויבן צו דער שילדערונג פון טביה דעם מילכיקנס „השגות" — אין דעם זעען מיר דעם וועג פון דער באפרייטער יידישער קונסט און אויף דעם פּראָצעס וועלן מיר זיך אָפּשטעלן גענויער.



ווי איז געוואקסן שלום-עליכמס „השגה"? און ענטפער דערויף דארפן אונז געבן די ערשטע העלדן שלום-עליכמס: די כתריליקעס. מיר האָבן זיך שוין אָפּגעשטעלט אויף דעם אלגעמיינעם כאראקטער פון א כתריליק און באוויזן, אז דער גרונט-שטריך זיינער שטייט אויסער דער עפּאָכע, הגם ער איז מיט איר אָרגאניש פארבונדן אין אלע דעטאלן פון זיין לעבן. און אָט דעם גרונט-טאָן הערן מיר אין דעם „מוצלח". „ער זאָגט, — שרייבט מנחם-מענדל, — אז ער מוז „נעפרעמענאָ" זיין א מיליאָנער". אין דעם „נעפרעמענאָ" הערט זיך א כאראקטעריסטישע השגה פון א כתריליק.

וואָס זענען אזוינס דעם כתריליקס השגות? שלום-עליכמס אויג האָט געמאכט אין כתרילעווקע א גרויסע אנטדעקונג: ער האָט דערזען דאָ דעם אפּעטיט צום לעבן.

צווישן אלע העלדן פון מענדעלעס ווערק, וואָס זייער גאנצע היסטאָרישע ערפארונג איז באשטאנען, דאכט זיך, אין דעה, וואָס זיי האָבן געלערנט צו ברעכן די „תאווה פון עסן", האָט שלום-עליכם אריינגעבראכט זיין כתריליק, וועלכער האָט להלוטין אנגעוואָרן די דורות-אלטע ערפארונג און האָט פּלוצים באוויזן א גרויסן אפּעטיט צום לעבן.

שלום-עליכם שטעלט אונטער דעם מאָנאָלאָג „מילכיקס" אן אונטערקעפּל: „א מאָנאָלאָג פון א כתרילעווקער פרעסער". ווערזשע איז געווען אָט דער ייד פון א גאנץ יאָר, דער פרעסער, וואָס כּענדעלע האָט אים פארזען, בשעת ער האָט דערציילט, ווי יידן האָבן געבראָכן די תאווה פון עסן? אבער שלום-עליכם גיט דערמיט אונז נאָר אן אנצוהערעניש אויף דער אלגעמיינער טבע פון א כתרילעווקער. נישט דער אפּעטיט צו מילכיקס האָט געצוואונגען שלום-עליכמען אָנרופן זיין העלד „א כתרילעווקער", נאָר ווייל אין דעם לאָזט זיך הערן דער אפּעטיט צום לעבן בכלל, דערפאר איז ער א כתרילעווקער. און מיר זעען עם ווידקלעך אין דער גאנצער ערשטער סעריע פון כתרילעווקער טיפּן.

אָט איז דער ייד פון „נחת פון קינדער". אין א גלענצנדיקער פאָרם מאכט דאָ שלום-עליכם אונז דעם סך-הכל פון די סאָציאלע

פאַרהעלטנישן אין כתרילעווקע, און מיר זעען, אַז זיי זענען אינ־פלוג, נאָך די פאַרהעלטנישן פון קאַבצאַנסק, אָבער גראָד אויף דעם פאָן ווייזט זיך אַזוי בולט ארויס דער ייִד מיט זיין טיף־איינגעוואָרצלטער השגה: ער האלט פון „נחת פון קינדער״.

„איך האָב ליב צו זען, ווי זיי עסן, איך האָב דערפון פאַרגעניגן״, אַזוי דערציילט וועגן זיינע קינדער דער ייִד, דער „פּרעסער״ פון „מילכיקס״. דער ייִד פון מאַנאַלאָג „נחת פון קינדער״ איז נישט קיין פרעסער, נאָר אויך אין דעם רעדט „אַ פאַרגעניגן״. פונקט אַזוי שטעלט זיך אוועק פאַר אונז די פיגור פון נחן דעם צעלניקער, וואָס קאָן נישט פאַרגעסן דעם „פאַרגעניגן״ זיינעם, די סמילער כלי־זמר, אָן וועלכע די חתונה איז קיין חתונה נישט, נאָר אַ לויה, ווי ער קלאָגט זיך פאַרן עולם מחותנים.

מיר וואונדערן זיך שוין דעריבער נישט, ווען שלום־עליכם טרעט צו צום בעל־עגלה פון מאָנאָלאָג „קיין עין הרע נישט״ אין דער זעלבער סעריע. מיט אַן איבעררא‏שנדער בולטקייט שילדערט שלום־עליכם דעם גרויסן „אַפּעטיט צום לעבן״ פון דעם בעל־עגלה, וואָס דערציילט, אַז „שבת איז דאָס איינציקע גליק פאַר נאָש בראַט בעלי־עגלות״.

„און אַז מען טרינקט אויס אַ קוואָרט עפּל־קוואַס, קיין עין־הרע — דערציילט דער כתרילעווקער בעל־עגלה — און מען פאַרבייסט מיט באָרלעך־צימעס, נעמט מען זיך צום תהילים און מען רייבט, קיין עין־הרע, געשמאַק איין קאַפּיטל נאָכן אַנדערן. זיי פליען, קיין עין־הרע, די קאַפּיטלעך, ווי די ווערסטן אויפן גרויסן טראַקט, איינס נאָך דאָס אַנדערע, איינס נאָך דאָס אַנדערע״....

אָט אַזאַ „אַפּעטיט צום לעבן״ האָט שלום־עליכם אונטערגעהערט אין כתרילעווקע, אומעטום לאָזט זיך דאָ הערן די צוגעבונדנקייט צום „הבלן״, פון וועלכן בנימין השלישים וועלט האָט פאַר מענדעלעס צייטן אַזוי אַסקעטיש זיך אָפּגעקערט. אָבער די טבע פון אַ „כתריליק״ לאָזט זיך נאָך נישט אינגאַנצן פאַרשטיין, ווען מ׳שטעלט זיך נישט אָפּ אויף זיין הומאָר.

עס איז פאַראַן אין די „בלאָנזנדע שטערן״ אַ קאַפּיטל וואָס הייסט „חדושים, ווי מען ווערט אַ קאָמיקער״. עס האַנדלט זיך



וועגן „אַקטיאָרן״, „פאַרשלעפּטע קרענק״, און שלום־עליכם, וואָס האָט באַוויזן אַזוי אָרגאַניש צו פאַרבינדן די חברה־אַקטיאָרן מיטן שטעטל האָלאָנעשטי, גיט אונז דאָ אַן אָנצוהערעניש אויף דער טבע פון זיינע „כתריליקס״, ווי זיי פאַרבינדן זיך מיטן איבעריקן ייִדישן קאָלעקטיוו

דאָס קאַפּיטל „חדושים, ווי מען ווערט אַ קאָמיקער״ איז אין אַ געוויסן זינען דעם כתריליקס ביאָגראַפיע.

„אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ קרענקלעכער, אַ הוסטנדיקער, מיט אַ קורצן אָטעם, מיט אַ ווייסגעשטיפּלט פּנים, מיט אַ שפּיציקער נאָז, מיט אַ שפּיציקן אָטעם, מיט שפּיציקע אויערן, און אויגן אויך שפּיציקע, הונגעריקע, שטעכעדיקע, שאַרפע אויגן — אָט דאָס איז דער פאַרשוין״.

און אָט וועגן דעם דאָזיקן פאַרשוין שרייבט עס ווייטער שלום־עליכם: „אַ פריילעכע בריאה אָט דער האָצמאַך! לייבל פאַרשטייסט נישט פון וואַנען נעמט זיך צו אָט דעם מענטשן אַזוי פיל פריילעכקייט?״

ווען מיר לייענען ווייטער דעם ראָמאַן, זעען מיר גראָד, אַז די פריילעכקייט איז דאָ גאַנץ ווייט פון ברחנישע אָנשטעלן, און דער הומאָר האָצמאַכס איז נישט קיין ווערטל־זאָגעריי פון אַן אויסגעלייזדיקטער נשמה.

מיט אַ זעלטענער געטרייִשאַפט שילדערט שלום־עליכם די דאָזיקע פיגור, און אין די בריוון צו דער מוטער עפנט זיך אויף פאַר אונז אַזאַ אינטים בלעטל פון האָצמאַכס לעבן, אַז קיינער וועט דאָ מער נישט זען קיין פאַרטריקנטע נשמה פון אַ בדחן, אַ ווערטל־זאָגער. שלום־עליכם גייט אויך ווייטער און ווי שטענדיק טאָפּט שלום־עליכם אָן האָצמאַכס „השגה״, זיין ליבע צו דער בינע. דער יצר־הרע, וואָס האָט זיך באַזעצט ביי יעדן כתרילעווקער אין האַרצן, ער באַהערשט אויך דעם קאָמיקער האָצמאַכן.

און פון דעם מאָמענט אָן ציט זיך דורך אַ פאָדים, וואָס פאַרבינדט דעם כתריליק מיטן קאָמיקער האָצמאַך. עפּעס איז פאַראַן אין אַ כתריליק אַזוינס, וואָס מאַכט אים פריי, נישט־געבונדן, באַהעמיש־געשטימט, עפּעס זענען די כתריליקעס אַלע אין אַ געוויסן

זינען „פאַרשלעפּטע קרענק", „אקטיאָרן". אין דער אינערלעכער פרייהייט, אין דער נישט-געבונדנקייט פון זייער נאַטור שפּראָצט דער יצר-הרע זייערער, די „השגה", וואָס מוז שטענדיק אין יעדן פון זיי זיין, און אין דער נאַטור שפּראָצט אויך דער הומאָר, וועלכער איז אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן כתריליק.

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן אויף דער טבע פונם הומאָר אין אונזער פאָלקס-שאַפונג און געזען, אז דער הומאָר שטאַמט דאָ דערפון, וואָס דאָס יידישע פאָלקס-ליד איז א מאָנאָלאָג נישט פאַרן רבונו של עולם, נאָר פאַר זיך אליין. האָבנדיק צו טאָן מיט זיך און נאָר מיט זיך, האָט דאָס יידישע פאָלקס-ליד נישט געהאַט פאַר וועמען צו מגידעווען. און פון דער אנדער זייט האָט ער געמוזט שטילן די יללות פון אייגענעם האַרצן. אין די „חדושים, ווי מען ווערט א קאָמיקער" זעען מיר כמעט דאָס זעלבע.

האָצמאַך איז, פונקט ווי מאָטל דעם חזנס, געוואַקסן א יתום. נאָך דעם, ווי ער האָט געכאַפּט פונם פעטער, ביי וועלכן ער האָט זיך געלערנט שניידעריי, מיטן פּרעסל אין האַרצן, האָט האָצמאַך גענומען רעדן מיט זיך. ער דערמאָנט גאָר אָפט בשעת די שמועסן מיט לייבל ראַפאַלאָוויטש אין אָנהויב פונם ראָמאַן, אז נישט פאַר אים רעדט ער זיך ארויס דאָס האַרץ, נאָר פאַר זיך אליין רעדט עס, פונצנדיק דעם באַלעבאָס שטיוול. און פונקט ווי דער יתום האָצמאַך ווערט פון אָט די רייד און זעלבסטבאַטראַכטונגען א קאָמיקער, אזוי ווערט אויך דער יתום מאָטל דעם חזנס א הומאָריסט, און אזוי ווערט אויך דער כתריליק א ווערטל-זאָגער. שלום-עליכם דערציילט וועגן דעם נאָמען „כתריליק": „דער דאָזיקער נאָמען ווערט ארויסגערעדט גאָר מיט אן אנדער מין נגון, למשל: „אוי, בין איך, קיין עין-הרע, א כתריליק"...

עס ווערט, ווי מיר זעען, געזאָגט צו זיך, און פונקט אזוי רעדט צו זיך דער ייד פון „נחת פון קינדער", פון „קיין עין-הרע נישט" און אנדערע כתרילעווקער איינוואוינער. און ווען יעדעס מאָל שטויסט זיך די „השגה" פון א כתריליק צוזאַמען מיטן אכזריות-דיקן לעבן, קאָן די יתום-נאַטור זיך קלאָגן פאַר זיך, און נאָר פאַר זיך. און עס ווערט געבוירן אזוי ארום דער הומאָר, וואָס דאַרף נישט משפּטן, נאָר היילן



משפּטן זיך אליין הייסט, אז די „השגה" האָט זיך באַגעגנט אין דעם מענטשן מיט א שטרענגן, קרעפּטיקן ווילן, מיט א געזעץ, וואָס ווערט דיקטירט פון די פאַרבאָרגענע עטישע קרעפטן פונם מענטשן. דער כתריליק איז א באַהעמישע נאַטור, אן אקטיאָר, א יתום, אין אים רעדט דער „אַפּעטיט צום לעבן", ער איז פריי, נישט געבונדן, צו טראַגישע קאָליזיעס איז ער נישט מסוגל, אזוי טיף גייען נאָך זיינע „השגות" נישט, אזוי טיף איז נאָך נישט זיין איבערלעבונג. און אלס אזעלכן פאַרשטייען מיר שלום-עליכמס „כתריליק". עס איז די ערשטע שטופּע פון שלום-עליכמס „השגה".

מיר זעען, ווי שלום-עליכם ציט זיך אין ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן צו סטעמפּעניו, צו יאָסל סאָלאָוויי, ער פילט, אז אין די באַהעמישע פיגורן איז עפּעס פאַראַן נייס אין פאַרגלייך מיטן סטערעאָטיפּן ייד.

פונקט ווי מענדעלע האָט געזען, אז די סטעמפּעניוס „היטן נישט אָב די יידישקייט", האָט אויך שלום-עליכם דאָ דערזען א קוואַל פון דער געזונטער מענטשלעכקייט. און מיט זיין קינסטלערישן מוט, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט צו פאַרקערפּערן דאָס „נישט-געוויינלעכע", פאַרשפּרייט שלום-עליכם די באַהעמישע פרייקייט און נישט-געבונדנקייט אויף א גאַנצן שיכט פון יידישן קאָלעקטיוו: ער גיט אונז די כתריליקעס.

די „חדושים, ווי מען ווערט א קאָמיקער" באַשטייען דאָ דערין, וואָס דער הומאָר שטאַמט פון א פרייער, באַהעמיש-יתומישער כתריליק-נאַטור, וועלכע האָט די תאוה פון עסן נישט געבראָכן, אין וועלכער עס שפּראָצן השגות-ליידנשאַפטן סיי נאָך נחת פון קינדער, סיי נאָך מילביקס, סיי נאָך ראָטשילדס מיליאָנען. די ראָזיקע כתריליק-נאַטור ווייסט נאָך אָבער נישט פון קיין טראַגישע קאָליזיעס.

אן איבערגאַנג צו דער צווייטער תקופה שטעלן פאָר שלום-עליכמס קינדער.

דאָ האָבן מיר ווידער א געשיכטע פון ליידנשאַפטן. א מעסערל, א פּידעלע, א פאָן, דאָס זענען די אָביעקטן פון קינדערשע

השגות, פונקט ווי ביז אהער האָבן מיר געהאט די אָביעקטן פון כתריליקס השגות. אָבער דאָ קומט עס פאָר אנדערש.

א קינד האָט זיך געלאָזט פארפירן פון זיין לײדנשאפט צום מעסערל און אין פארלויף פון דער דערציילונג ווערט דאָס קינד טראַגיש אין עכטן זינען פון וואָרט. עס גייט אום בלינד, פארבאָרגן אין זיך, עס הערט נאָר די באפעלן פון זיין לײדנשאפט, ביז עס קומט צו דעם קאָנפליקט מיט דער ארומיקער וועלט. און אָט דעמאָלט ווייזט זיך ארויס, אז די גאנצע פסיכיק איז ארייננגעצויגן אין דעם פראָצעס פון דער לײדנשאפט און די שפורן פון איר זענען אזוי טיף, אז אוועקגיין פון דער לײדנשאפט, הייסט פארן קינד משפטן די לײדנשאפט, משפטן זיך אליין. און מיר באקומען ווירקלעך דעם כאראקטעריסטישן פינאל פונם „מעסערל״.

„איך קוועטש די גמרא צום הארצן, שטארק, שטארק און לויף אין חדר אריין געשמאק, געשמאק, און איך שווער, איך שווער ביי דער גמרא, אז איך וועל קיינמאָל נישט זאטשעפען קיין פרעמדס, קיינמאָל, קיינמאָל נישט גנבהנען, קיינמאָל, קיינמאָל נישט לייקענען, תמיד זיין איין ערלעכער, איין ערלעכער, איין ערלעכער״...

מיר האָבן דאָ מער נישט דעם כתרילעווקער הומאָר. דאָס קינד היילט זיך נישט, עס משפט זיך. און דאָס זעלבע טרעפן מיר אויך אין „אויפן פידעלע״.

דאָ האָבן מיר פאר זיך א „זינדיקן״, א מאָטיוו פון פרצס דראַמען. און אזוי ברייט איז דערביי דער פארנעם פון דער איבערלעבונג, אזוי אוממיטלבאר איז די דאָזיקע איבערלעבונג, אז צום סוף מוז ווידער קומען צו אן אויסברוך פון עטישער קראפט. און מיר לייענען ווידער:

„דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבן האָב איך דערזען דעם טאטן וויינען. עס האָט מיך אנגענומען ביים הארצן און עס האָט מיך פארקלעמט ביי דער נשמה. איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט, איך זאָל קיינמאָל, קיינמאָל נישט דערגרזן דעם טאטן, קיינמאָל, קיינמאָל נישט אָנטון אים קיין יסורים — אוים פידעל״...

עס איז נישט קיין ספעציפיש-קינדערשער פינאל, וואו דאָס



קינד ווערט א בעל-תשובה. די לײדנשאפט, וואָס האָט פארנומען די גאנצע פסיכיק פונם קינד, מוז אומפארמיידלעך אויסברעכן אין אן עטישן פינאל. און אזוי וועט זיין שפעטער אויך ביי שלום-עליכמם דערוואקסענע העלדן. די מענטשלעכע השגה, די לײדנשאפט, פארנעמט די גאנצע טיף פון זיינע עמאָציעס, זי ווערט כמעט איראציאָנאל און זי „דערווייכערט״ דאָס מענטשן-מאטעריאל, זי מאכט אים רוי צו דער ווידערגעבורט, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר טביה דעם מילכיקן פון איין מעשה צו דער צווייטער...

און עס איז אזוי איבערראשנדיק פאר אונז שלום-עליכמס צוטרוי צו דעם מענטשנס נאטור, דאָס טיפע גלויבן אין די עטישע קרעפטן, וואָס וואכן אין יעדן מענטשן. שלום-עליכם שרעקט זיך נישט פאר דער מינדסטער לײדנשאפט, פאר דער קלענסטער השגה, ער ווייסט, אז וואו עס איז פאראן לײדנשאפט, וואקסט אויף די מענטשלעכע פערזענלעכקייט, דאָרט בליען שוין אין דער שטיל עטישע מאָטיוון. אָט די דאָזיקע אמונה ברענגט שלום-עליכמען צו דער פארטיפונג פון זיינע העלדן, ווו די מענטשלעכע השגה טרעט שוין נישט ארויס אין דער פאָרם פון „אפעטיט צום לעבן״, ווי מיר האָבן געטראָפן ביי די כתרילעווקער איינוואוינער, נאָר אין א מער אלמענטשלעכער און טראַגישער פאָרם. און אָט דאָס האָט דערהויבן מנחם-מענדלען איבער דער עדה כתרילעווקער און געמאכט אים פאר א סינטעזירטער געשטאלט פון א יידישן דאָן-קיכאָט, דעם „נאר״ פון די יידישע שפריכווערטער. מנחם-מענדל איז געפלאנט געווען ביי שלום-עליכמען ווי א קאריקאטור, באקומען האָט זיך אָבער עפעס אנדערש. און ווו איז דער סוד דערפון? מיר האָבן פאר זיך ווידער א טיפישן שלום עליכם-העלד, וואָס די השגה זיינע, די לײדנשאפט צו „מיליאָנען״, האָט אים פארפירט, פונקט, ווי דאָס קינד — דאָס מעסערל. און מערקווירדיק — מנחם-מענדל איז אין תוך ווייט פון א כתריליק. ער איז נישט קיין ווערטל-זאָגער. מנחם-מענדל קאָן קיין ווערטלעך נישט זאָגן. ביי דער גאנצער פארבלענדעניש, אין וועלכער ער לעבט, הערט נישט אויף צו וואכן זיין אינערלעך-טיפע עטישע קראפט, וואָס צווינגט

אים צו משפטן זיך, ווי דאָס קינד האָט זיך געמשפּט. מנחם-מענדל איז אוים כתריליק, ער איז נאָכן קינד דער צווייטער העלד, אין וועלכן די „השגה” ווערט געבוירן אין דער טיף פון אן עטי-שער נאַטור. און דאָס ראַטעוועט אָפּ מנחם מענדלען פון הוילען קאַ-ריקאַטוריזם.

שוין אין די ערשטע בריוו פון דער סעריע „לאָנדאָן” טרעט ארויס בולט מנחם מענדלס פיגור.

דער גרונד-טאָן פון זיין פארגלויבטער נאַטור, וואָס הערט זיך צום סוף פון בוך („און בעגליקן וועל איך געוויס, דאָס איז ביי מיר זיכער, ווי ס'איז טאָג אויף דער גאַנצער וועלט”), אָט דער טאָן הערט זיך שוין אין די ערשטע בריוו. אָבער דערביי איבער-ראַשט אונז מנחם-מענדל דערמיט, וואָס ער איז כלומרשט איינ-פערענט צו אלע עוולות, וואָס ער זעט ארום זיך. אן ערשט-נעמ-מענער פון כתרילעווקע, ווו מ'קאָן אזוי ווינציק ליידן די ענג-לענדער פאר זייער מלחמה מיט די בורן, די פראַנצויזן פאר מיטה-דרייפוס, פארבלייבט מנחם-מענדל גלייכגילטיק נישט נאָר צו די ארומיקע עוולות, נאָר אפילו צו די, אין וועלכע ער נעמט אָנטייל. אָט שרייבט ער קאַלטבלוטיק:

„ביי אונז אין יעהופּעץ שפּילט דאָס געלט די גרעסטע ראָ-לע. דער מענטש אליין איז בלאָטע, יחוס וויל מען נישט וויסן, מעגסט זיך זיין, ווער דו ווילסט אין דער וועלט, אבי געלט”.

צי איז באמת מנחם-מענדל שוין צוגעגרייט אזוי צו דער דאָזיקער עבודה-זרה, אז ער קאָן גאַנץ רויק וועגן דעם רעדן? אין אן אנדער אָרט זעען מיר גראָד דעם היפּוך.

„איך האָב ארויסגעזען — שרייבט מנחם-מענדל — אז דער עסק איז נישט פאר מיר. מען דאַרף זיין א גרויסער עזות-פּנים, דעם לוח מאכן מיט דער בלאָטע, דעם שפּעגעלאַנט איינרעדן, אז ער פארשטייט נישט פון דאַנען אהין, און אזוי לאַנג רעדן, ביז עס זאָל אים נמאס ווערן הערענדיק, און עס זאָל אים באַלאַגן א קאַלטער שוויים... איין נאָט איז יודע אָבער דעם אמת, אז איך קאָן עס נישט, איך האָב ליב צו פארדינען א קערבל בכבוד”.



פון די דאָזיקע שורות ביז צו דער פריערדיקער קאַלטבלוטי-קייט איז שוין א ווייטער מהלך. און הגם מנחם-מענדל איז גע-פלאַנט ווי א קאריקאטור-געשטאַלט, הגם ער דאַרף אין זיך אויפ-זאמלען אלע מזיקים, וואָס לעבן אין יידישן האַנדל-קלאַס, דאָך קאָן שלום-עליכם נישט פארשווייגן דעם מאָמענט, ווען אין מנחם-מענדלען וואכן אויף מיט-אמאָל אלע עטישע קרעפטן און ער הויבט אָן זיך צו משפּטן, ווי מיר האָבן עס געזען ביים קינד פון „מע-סערל”. מנחם-מענדל שרייבט:

„און איך געפין זיך איצט אין אזא טרויעריקער לאַגע, וואָס *איז איך לשעה׳ און אהיים בענקט איך אזוי, אז ממש עס* גייט מיר אוים דאָס חיות. איך פארשעלט מיר דאָס געביין הונדערט מאָל א טאָג. בעסער וואָלט איך זיך אויסגעבראָכן א פוס, איידער איך בין געקומען אהער קיין אָדעס, וווּ א מענטש האָט קיין ווערדע נישט. א מענטש קאָן דאָ גייענדיק שטאַרבן אין מיטן גאַס, און קיינער וועט זיך אפילו נישט אָפּ-שטעלן א קוק טון. מען רעדט שוין גאָר קיינער נישט פון מיר, גלייך ווי איך וואָלט גאָר געווען א געשטאָרבענער, הלואי וואָלט איך טאַקע געשטאָרבן, איידער אזעלכעס דערלעבן. ס'איז מיר נמאס אָט דאָס אָדעס, מיט דער היגער בערזע, מיט דעם פאַנקאָני. מיט די אלע מענטשלעך! איך וואָלט געלאָפן אין דער וועלט ארייַן”!...*)

מנחם-מענדל בענקט אהיים. צו דער היים פון זיין פארגלויב-טער נאַטור, אהין, ווו דער „מענטש האָט א ווערדע”, און די „טרויעריקע לאַגע” איז דאָ דאָפּלט טראַגיש נאָך דערפאר, ווייל עס רערט פון איר מנחם-מענדל גופא, דער „זינדיקער” אליין, ווייל „אנטלויפן אין דער וועלט ארייַן” הייסט אנטלויפן פון זיך, פונם מנחם מענדל גייסט. און אויפן פּאָן פון דער קאריקאַטור-עפּאָפּעע פון „פּאַפּירלעך, מיליאָנען” און שדכנות טרעט ארויס די גע-שטאַלט פון מנחם-מענדלען, וואָס איז שוין אזוי ווייט פונם טי-פּישן כתריליק לויט דער טיפקייט פון זיינע איבערלעבונגען, לויטן

*) קורסיוו אומעטום אונזערער. נ. א.

שטענדיקן פראַצעס פון משפּטן זיך, וואָס לעבט אין אים. און אָט דאָ קריגן מיר א שליסל צו די אלע פיגורן, וועלכע שלום-עליכם האָט אין פיל מאָנאָלאָגן געמאָלט.

„דער ייד פון מאָנאָלאָג „דער נשרף" קומט אין א שמועס מיטן „כלעדראָוואטעל" צו זייער א כאראקטעריסטישן דיאלאָג. דער „נשרף" דערציילט:

— „פארוואָס און פארוועןֿ? — זאָג איך. וואָס נעמסטו, זאָג איך, א מענטשן, וואָס איז נאָט די נשמה שולדיק און מאכסט אים אומגליקלעך? סא קונץ, זאָג איך, קוילען? ווילסט קוילען — קוילע! דו פארגעסט, זאָג איך, אז ס'איז פאראן א זאקאָן אין ס'איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט? איז ער געוואָרן אַנגעצונדן: דו רעדסט נאָך מיט גאָט"?

און איז דען דער „סלעדראָוואטעל" נישט גערעכט: אָט דער ייד רעדט נאָך מיט גאָט?... דער „נשרף" האָט דאָך אי זיך, אי דעם גאָט זיינעם איינגעשטעלט אין קאָן פון זיין טייוולשער שפּיל, א שפּיל פון ליידנשאפטן, פונקט ווי ביי דעם ייד, דעם „ספּילשלי-ווע", וואָס איז זיך מודה: „איך האָב ליב צו דרייען".

אָט די יידן פון די מאָנאָלאָגן, די „ספּילשליווע", די „גילנים" די „נודניקעס" גייען ארום אלע מיטן געדאנק, אז „דער ערגסטער שונא, הערט איר, וועט נישט טון אייך דאָס, וואָס א מענטש קאָן זיך טון אליין". („גימנאזיע").

פאר אונז גייט דאָ דורך א ריי „זינדיקע", וואָס האָבן זייער גאָט געשטעלט אין שפּיל, פונקט ווי מנחם-מענדל האָט זיין „היים", זיין גלויביקייט דאָ פארשפּילט. און אָט ביי די געשטאלטן, ווו די השגה גייט שוין ווייטער פון עלעמענטארן „אפּעטיט צום לעבן", ווו זי פארכאַפּט שוין די גאנצע פּסיכיק, מוז שוין אַנשטאָט דעם כתריליעווקערס הומאָר, וואָס היילט אים, באווייזן זיך דער טראגישער טאָן, וואָס משפּט אים.

מיר זעען עס ביי מנחם-מענדלען און אויך ביי זיין גלייכנס. „איך פיל, — דערציילט דער ייד פון „פינף און זיבעציק טויזנט" — אז ס'איז מיר ענג אָט-אָ-דאָ, סע קוועטשט מיך, סע ברענט אין מיר א פייער, איך מוז, איך מוז דאָס ארויסגעבן פון זיך... איך פערשטייט צי נייןֿ"?



און מיר פארשטייען דאָס „פייער", מיט וועלכן דער ראָזי-קער ייד משפּט זיך אין זיין מאָנאָלאָג.

דאָס זעלבע קלינגט אויך אין מאָנאָלאָג „ביים דאָקטאָר", ווו דער ייד בעט מ'זאָל אויסהערן נישט די שלאפלקייט זיינע, נאָר אים אליין. נישט די שלאפקייט, ד. ה. די אָביעקטיווע סיבות, נישט די סאָציאלע פארהעלטענישן און עטנאָגראפישע באזונדערקייטן זע-נען דאָ וויכטיק, וויכטיק איז די מענטשלעכע „השגה", וואָס ראט געברויזט יאָרן-לאנג אינם יידן דעם „ספּילשליווע" און מוז איצט ברענגען צו אן אויסברוך פון עטישע קרעפטן, פונקט ווי ביים קינד, פונקט ווי ביי מנחם-מענדלען.

און דערמיט ענדיקט זיך די צווייטע שטופע פון שלום-עליכמס „השגה". אָנהויבנדיק פונם כתריליק, דעם פרייען, באָהעמיש-געשטימטן יידן, וואָס בלייבט דאָך דער סינאָניב פון אויבערפלעכ-לעכקייט, גייט די „השגה" איבער צו מנחם-מענדלען, דעם יידן, וועלכער ווערט שוין בלינד פארפירט פון זיין ליידנשאפט, שטעלט איין אין זיין שפּיל אי זיך, אי דעם גאָט זיינעם, און קומט צום אויסברוך פון עטישע קרעפטן, וואָס עפנט אים די אויגן אויף אים אליין.

עס איז אָבער באשערט געווען שלום-עליכמען צו געפינען דעם חעלד, אין וועלכן דער גאנג פון דער מענטשלעכער השגה וועט קו-מען צו דער העכסטער מדרגה, ווו זי וועט אים עפענען די אויגן אויף דער גאָרער וועלט ארום, און אָט די געשטאלט, וואָס האָט אונטער טויזנטערליי פאלדן און אויסערלעכע קליינקייטן פאר-באָרגן דעם גרויסן גייסט אין זיך, איז געווען טביה דער מילכי-קער.

omit chapter 6

„ניט דער איז אַ גבור, וואָס איז מנצח דעם אַנדערן, נאָר דער, וואָס קאָן אויסשטיין אַ מלחמה מיט זיך אַליין און זיך אַליין מנצח זיין”.
(„בלאָנזשנע שטערן”).

אינם מאָנאָלאָג „אַן עצה” פּרוווט שלום-עליכם אָפּמאָלן די געשטאַלט פונם קליינשטעטלדיקן יונגערמאַן, וואָס האַלט פאַר אים דעם מאָנאָלאָג. „ער האָט אַ בלאַס פּנים — דערציילט שלום-עליכם — מיט גרויסע שוואַרצע רחמנות אויגן”. און שלום-עליכם באַמערקט דערביי: „איך האָב נישט ליב אַזעלכע אויגן; פאַר אַזעלכע אויגן האָב איך מורא: קיינמאָל לאַכן זיי נישט, טוען נישט קיין שמייכל, שטענדיק פאַרטיפט אין זיך — איך האָב פיינט אַזעלכע אויגן”...

אָט די דאָזיקע ציטאַטע דערמאָנט זיך, ווען מען קומט רעדן וועגן טביה דעם מילכיקן. עס איז שוין פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז טביה דער מילכיקער, דער באַליבטסטער העלד שלום-עליכמס, געהערט גראָר צו די נאַטורן, וועלכע גייען אַרום „שטענדיק פאַרטיפט אין זיך”.

מיט וואָס האָט זיך טביה איינגעקויפט שלום-עליכמס ליבשאַפט? משמעות, מיר האָבן דאָ גאָר אַן אַנדער אַרט פאַרטיפטקייט און דאָס לאָזט זיך זען אין די ערשטע מעשיות פון טביהן.

אינם מאָנאָלאָג „נחת פון קינדער”, וואָס געהערט צו דער כתרילעווקער סעריע, געפינען מיר כמעט דעם זעלבן עפּיזאָד, וועלכער האָט פּאַסירט מיט טביהס ערשטער טאָכטער צייטל. פּונקט ווי יענע האָט חתונה פאַר מאָטל מאַמזויל, אַזוי האָט דעם כתריליקס טאָכטער גענומען אַ „פּיליער”, און שלום-עליכם גיט דערביי אָנצוהערן, אַז אויך דאָ האָט זיך נישט באַגאַנגען אָן אַ געוויסן קאָנפליקט מיטן אַלטן יידישן לעבנס-שטייגער.

„וועט איר דאָך פרעגן — דערציילט דער כתרילעווקער ייד — ווי קומט צו מיר אַזאַ איידעם? מסתמא איז דרינען פאַראַן אַ מעשה, ווי זאָגט מען: אין אַ טייך וואַרפן זיך דורך אַלערליי העכט,



מסתמא איז מיין טאָכטערס גליק אַזוי, אַז זי באַדאַרף האָבן אַזאַ מאַן”...

אין דעם כתריליקס מאָנאָלאָג איז פאַרבאָרגן עפּעס אַ קאָנפליקט, אָבער שלום-עליכם שטעלט זיך נישט אָפּ דערויף, און שלום-עליכם האָט געהאַט דאָס רעכט אָפּצופּטרן דעם דאָזיקן קאָנפליקט מיט אַ דרך-אגב-באַמערקונג. קיין טיפע שפּורן האָט דער דאָזיקער עפּיזאָד אינם כתריליקס האַרצן נישט איבערגעלאָזט. דער עפּיזאָד איז ביים כתריליק געבליבן נאָר אַ טיפּישער, אָבער נישט קיין העלדישער.

ביי טביהן איז שטענדיק פאָרגעקומען אַנדערש. ביי אים ווערט אַ לעבנס-ערשיינונג געבראַכט נישט נאָר צו דער מדרגה פון אַ טיפּישן פאַקט, נאָר עס ווערט דערמיט פאַרבונדן אַ קאָנפליקט אין טיפסטן וועזן פון טביהן גופא. יעדע ערשיינונג גייט אין דער טיף פון טביהס פּסיכיק, זי פאַרנעמט דעם גאַנצן גייסט זיינעם און אָט דאָס אַלץ קומט אַראָנק טביהס „פאַרטיפט זיין אין זיך”. ווען מ'קוקט זיך צו צו טביהן און מ'פאַרגלייכט אים צום יונגערמאַן פון דער „עצה”, פאַרשטייט מען, אַז טביהס „פאַרטיפטקייט אין זיך” באַדייט די אַנטוויקלונג פון זיין נאַטור, בשעת דעם יונגערמאַנס פון דער „עצה” „פאַרטיפט זיין אין זיך”, איז גריבלעריי פון אַ פרוכטלאָזן גייסט! און אָט פון דעם „פאַרטיפט זיין אין זיך” נעמט זיך דער ערשטער שטריך פון טביהס פּסיכאָלאָגיע.

„טביה איז נישט קיין יידענע” — דעם אויסרוף באַגעגנען מיר אויף שריט און טריט פון טביהס מעשיות.

און עס איז גרינג איינצוזען, אַז די „יידענע”, וועלכע טביה איז אין זיך אַלע מאָל גובר, איז אפשר נישט אַזוי אַ „יידענע”, ווי אַ „ייד פון אַ גאַנץ יאָר”. טביה דער מילכיקער איז קודם כל ניט קיין ייד פון אַ גאַנץ יאָר. ניט די הכנעה פון געוויינלעכן יידן, נישט נאָר די פּסיכאָלאָגיע פון אַ „באַנציע שוויינ” וואַרפט אָפּ טביה מיטן נאָמען „יידענע”, נאָר אָפּטמאָל זעען מיר, ווי ער וואַרפט אָפּ דערמיט בכלל אַלע אימפּולסן פון אַ ברוטאַלער נאַטור.

מען קאָן נאָך נאָכשפּירן אויף טביהס מעשיות, ווי טביה

וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך דעם „יידן פֿון אַ גאַנץ יאָהר'', ווי ער וואַקסט איבער דעם מיטעלן יידישן פֿאָלקס-מענטש.

און פֿון דעם דאַרף מען אָנהויבן, רעדנדיק וועגן טביהן: טביה איז נישט נאָר קיין „יידענע'' נישט, ער איז בכלל קיין פֿאָלקס-טיפּ נישט. טביה איז אַ זאַמל-פּונקט פֿון פֿאַרשידענע טענדענצן פֿון אונ־זער פֿאָלקס- גייסט, דער אויסדרוק פֿון די פֿאָלקס-סימפּאַטיעס, וואָס זענען אין טביהס געשטאַלט געבראַכט צום סינטעז פֿון אַ קאָלעק-טיוו-בילד. טביה איז דעריבער נישט קיין פֿאָלקס-טיפּ, נאָר אַ פֿאָלקס-העלד, איינער פֿון יענע העלדן, וואָס אַ פֿאָלק פֿעראייביקט אין זיין עפּאָס. אַ פּאַרטיפּטער אין זיך איז טביה דאָך אָן און פֿאַר זיך נישט קיין טיפּישע געשטאַלט. אַזאַ קראַפֿט פֿון איבערלעבונג פֿאַרמאָגט נישט אונזער פֿאָלקס-מענטש, דער יחיד, אַזאַ איוב-לעבן פֿאַלט נישט אויפֿן גורל פֿונם איינצעלנעם פֿאָלקס-מענטש. אין אַ האַרמאָנישער לויטערקייט און אינערלעכער גאַנצקייט זענען אין טביהן צונויפֿגעשמאָלצן אַלע „השגות'', וואָס שלום-עליכם האָט פֿון די „אטאָמען'' פֿון יידישן קאָלעקטיוו צונויפֿגעזאַמלט. און ווען מען האָט צו טון מיט טביהן, הייסט, אַז מען רעדט וועגן אַ העלדן-נאַטור, דעם איינציקן פֿאָלקס-העלד פֿון אונזער געגנוואַרט, וואָס מיר באַ־קומען לעבעדיקערהייט, נישט קיין קאָנסערווירטן, נישט קיין איבער־געדיכטעטן פֿון אַלטע היסטאָרישע יידישע געשטאַלטן.

מיר וועלן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויפֿן אינהאַלט פֿון טביהס העלדישער נאַטור, עס איז פֿאַר אונז וויכטיק צו זען אין איר די אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשלעכער השגה — די ריכט-ליניע אין שלום-עליכמס שאַפֿונג.

## VII

דער באַנעם פֿון טביהס „השגה'' הויבט זיך שטענדיק און אומעטום אָן פֿון טביהס צוגעבונדנקייט צו זיינע טעכטער.

„נאָר אינוועניק, — דערציילט טביה — טראָג איך אַ ווייטיק, איך בין פּאַרט אַ פֿאָטער, ווי מיר זאָגן אינם דאַווענען: כרחם אב על בנים, אַ פֿאָטער בלייבט אַ פֿאָטער''...

אויסערלעך איז יעדע מעשה טביהס אַ מעשה וועגן דעם, ווי



„אַ פֿאָטער בלייבט אַ פֿאָטער'', אַ געשיכטע פֿון זיין פֿאָטערלייַ־דנשאַפֿט. בלייבנדיק געטריי זיין קינסטלערישער טבע, גייט שלום-עליכם אויך דאָ מיטן גאַנג, אַז די אַנטוויקלונג פֿון אַ מענטשלעכער ליידנשאַפֿט איז די אַנטוויקלונג פֿונם מענטשנס נאַטור, אַז זי איז דער וועג צו זיין אויפֿריכטונג; דער וועג צו זיין גייסטיקער ווידער־געבורט. און אַזאַ וועג מאַכט טביה דורך ווירקלעך פֿון איין מעשה צו דער צווייטער. די מעשיות זענען געבויט לויט דער סכעמע פֿון „מעסערל''. די השגה פֿאַרפֿירט טביהן, מאַכט אים בלינד, פֿאַרנעמט זיין גאַנצע פּסיכיק, און טביה נעמט זיך קלאָגן „און מיין לעבן איז צוזודערט און אַליין בין איך צוזודערט'', אָט דעמאָלט קומט יעדעס מאָל דער מאָמענט, ווען עס ווערט „דערוווייכערט דער מענטשן־מאַטעריאַל'' אין טביהן, און זיין גייסט ווערט דורך אַן אינערלעכ־עטישער קראַפֿט אויפֿסניי אויסגעגלייכט, ווערט ווידער געבוירן.

שלום-עליכמס קינסטלערישע טבע בלייבט זיך געטריי. זיין צוטרוי צו דער מענטשלעכער נאַטור פֿייערט זיין טריאומף אין טביה דעם מילכיקן, און פֿאַר אונז שטעלט זיך דאָ די פֿראַגע, ווי באַ־ציט זיך טביהס השגה צו דער השגה פֿון מנחם-מענדלען און דעם כתריליק? טביהס באַציונג צום כתריליק האָבן מיר שוין טיילוויז געזען פֿונם פֿאַרגלייך מיטן מאָנאָלאָג „נחת פֿון קינדער'':

„און עס גייט מיר איבער דער כח-הדם, און אַ פֿייער צינדט זיך אָן ביי מיר אין האַרצן אויף איר און אויף אים און אויף דער גאַנצער וועלט און אויף זיך אַליין''. (חוה 109).

אָט דער „פֿייער'', וואָס ברענט אין טביהן, די גרויסע אינ־טענסיווקייט פֿון זיין איבערלעבונג — דאָס איז דער שטריך, וואָס טיילט אָב טביהן פֿונם „כתריליק''. טביהס נאַטור איז אָבער אַ זאַמל-נאַטור. און זי נעמט אויף אין זיך אַנדערע שטריכן פֿון אַ כתריליק. טביה נעמט אויף אין זיך די פֿרייקייט פֿון אַ כתרי־ליק, זיין באַהעמישקייט, די נישט-געבונדנקייט פֿונם יתום האָצ־מאַך, פֿונם יתום מאָטל דעם חזנס.

אינם גרויסן אינטערעס צו זיין אייגן לעבן, אינם באַווייליקן פֿון זיין אייגענער מענטשלעכקייט, וואָס קוקט אויף זיך גופא און רעדט פֿאַר זיך גופא — אין דעם איז דער קוואַל פֿון טביהס הומאָר,

און דערין איז זיין נאָענטקייט צום גייסט פון א כתריליק. טביה האָט דעם כתריליקס הומאָר אָן א שיעור אויסגעפיינט, אויסגעאיידלט און, דער עיקר, געמאכט דעם יידישן הומאָר לעבנס-פעיק.

דער הומאָר פון א „כתריליק", די „חדושים ווי מען ווערט א קאָמיקער" זענען באשטאנען דערין, וואָס הומאָריסטיש ווערט דער מענטש, אין וועלכן עס לעבט דער געזונטער „אפעטיט צום לעבן", נאָר עס פעלט דערביי דער שטייפער ווילן, וואָס זאָל דעם דאָזיקן „אפעטיט צום לעבן" קאָנען צופרידנשטעלן.

דער כתריליק, ווי געזאָגט, ווערט הומאָריסטיש, ווייל ער איז דאָס רוב צו קליין, כדי צו ווערן טראגיש. און א „פארשלעפטע קרענק", א הומאָריסט, איז ביז א געוויסער צייט געווען אינם יידישן פאָלקס-באוואוסטזיין דער סינאָנים פון א מענטש, וואָס איז נישט לעבנס-פעיק, נישט אקטיוו שעפעריש.

טביה, ווי אַן עכטער פאָלקס-העלד, אין וועלכן ס'דאַרף אויפגעזאמלט ווערן דאָס בעסטע, וואָס דאָס פאָלק פארמאָגט, נעמט אויף דעם הומאָר און גיט צו צו אים דעם ווילן, וואָס איז אימשטאנד צו ווערן טראגיש. און אָט דערפון וואקסט אויס די גאנצע אייגנארט פון טביהן. וואָס איז טביה: הומאָריסטיש, צי טראגיש? אויף דער פראגע לאָזט זיך כמעט נישט ענטפערן.

ווען מען לייענט וועלכע עס איז טביהס מעשה, באמערקט מען כמעט נישט דעם מאָמענט, ווען טביה הערט אויף צו שיטן מיט ווערטלעך, ווען ער ווערט אינגאנצן אנגעשטרענגט, און ערשט, ווען דער קריזיס איז פארביי און טביה „רייבט" ווידער אריין א פסוק, דעמאָלט באמערקן מיר, אז טביה האָט זיך פאר אונזערע אויגן געענדערט.

און אָט די דאָזיקע ענדערונג איז פאראַן אין יעדער מעשה טביהס:

אין אים הויפט אָן צו רעדן דער „פייער" און אָט דעמאָלט האָבן מיר אין טביהן דעם „ספילשליוועס" יידן, אָדער דעם יידן דעם „נשרף", — יענע, וואָס האָבן אין קאָן פון זייער לײַדנשאַפט איינגעשטעלט אי זיך, אי דעם גאָט זייערן.

אויפנעמענדיק אין זיך דעם הומאָר פונם יידישן פאָלקס-



מענטש, נעמט אויף טביה אין זיך פון דער אנדער זייט מנחם-מענדלס טראגישן טאָן, דעם טאָן פון א מענטשן, וואָס משפט זיך. און אזוי גייען זיי נאָכאנאנד אין טביהס נאטור: הומאָר פון א פריי-באַהעמישער כתריליק-נאטור מיטן טראגישן טאָן פון מנחם-מענדלען און זיין גלייכנס, וועלכע טראָגן ארום אין זיך א „פייער", א גוואלטיק-אינטענסיווע איבערלעבונג. און די דאָזיקע עלעמענטן פון טביהס נאטור מאכן זיין איוב-לעבן העלדיש, זיין השגה — אלמענטשלעך און זיין פיגור — א זאמל-פיגור פון א פאָלקס-העלד.

## ~~VIII~~ 6

עס ווערט פארשטענדלעך דער גאַנג פון טביהס פאָטער-לײַדנשאַפט, עס ווערט פארשטענדלעך, פארוואָס די געשיכטע וועגן דעם, ווי א „פאָטער בלייבט א פאָטער" האָט באקומען אזא גרויסן אלמענטשלעכן אינטערעס.

טביהס לײַדנשאַפט איז ווירקלעך די פאָטער-לײַדנשאַפט, זי בילדעט דעם סיוזשעט פון אלע מעשיות, און ווען די דאָזיקע לײַדנשאַפט שטויסט זיך אויפן וועג אָן אויף די טיפסטע פראָצעסן פון סאָציאלן און קולטורעלן לעבן פון יידישן קאָלעקטיוו, פרעגט זיך נישט-ווילנדיק: צי וועט טביהס „השגה" אזוי ווייט גיין, אז זי זאָל זיך מאכן א וועג דורכן גאַנצן ווידעראנאנד פון גרויסן סאָציאלן קריזיס פון זיין צייט? צי וועט טביהס פאָטער-לײַדנשאַפט נישט פארשפארן זיך אין די ד' אמות פון א „קליין-מענטשעלע" און פארוואנדלט ווערן אין דער השגה פון כתריליעוויקער „נחת פון קינדער"? טביהס לעבנס-געשיכטע באווייזט אונז אנדערש. טביה איז א העלדישע נאטור און ער גייט אנטקעגן אלע קריזיסן.

— איך ווייס נישט, ווי איהר — דערציילט טביה — איך האָב פיינט א מענטשן מיט סודות... — און באלד גיט ער צו: — „פאראַן, זאָג איך, א שפּריכוואָרט: ווו א סוד, דאָרט איז א גנבה"... דאָס איז זייער כאראקטעריסטיש פאר טביהן. עס איז ווירקלעך געלעגן אין טביהס נאטור נישט צו מאכן פון גאָרנישט קיין

סוד, נישט פארשווייגן קיין איינצעלנע ערשיינונג פון ארומיקן לעבן. טביה פארשטייט נישט דעם שכל פון א סוד. און דעריבער זעען מיר, ווי טביהס לעבנס-ענערגיע גייט אין אלע ריכטונגען, אין וועלכע עס איז אין זיין צייט פארוועגדעט געוואָרן די ענערגיע פון דער יידישער פאָלקס-מאסע.

פרץ, וועלכער האָט אָנגעשריבן די „געשיכטע פון יידישער ענערגיע" אין משך פון אונזער גאנצער פארגאנגענהייט, האָט אין אונזער געגנווארט געזען נאָר שוואכע שפּראָצונגען פון אזא ענערגיע. שלום-עליכמס טביה איז די לעבעדיקע פארקערפּערונג פון דער ענער-גיע אין דער געגנוואַרט. און ווייל די דאָזיקע ענערגיע פון אונזער פאָלקס-מאסע לאָזט זיך זען אינם סאָציאלן ערנסט, וואָס איז אויפ-געוואכט געוואָרן אין פאָלקס-באוווסטזיין, אינם קריזיס פונם פאר-צייטיקן נאציאָנאל-רעליגיעזן געדאנקן-גאנג און אין דעם פּראָצעס, ווען עס רייפט דער יידישער אינדיווידואום, די יידישע פערזענלעכ-קייט — דערפאר גייט די לעבנס-ענערגיע פון טביהן, דעם פאָלקס-העלד, אין די דאָזיקע ריכטונגען.

נישט דאָ איז דאָס אָרט אָפּצושטעלן זיך גענוי דאָרויף, ווי טביהס „השגה" האָט אים געלאָזט זיך צו אָריענטירן אין די פאר-וויקלטע סאָציאלע פארהעלטענישן פון אונזער געגנווארט, ס'איז נאָר וויכטיק איינצוזען, ווי אזוי אין טביהן אין פארקערפּערט די טענדענץ פון פּראָגרעסיווער אנטוויקלונג. מאָטל קאמזויל, מנחם-מענדל פון „בוידעם", פרהצור, פעפערל — דאָס זענען אלץ פּיאָנערן; די ערש-טע פויגלען פון אן אָנקומענדיקער סאָציאלער פארענדערונג אינם פאָלקס-לעבן, און טביה, בלייבנדיק געטריי דעם פאָלקס-באוווסט-זיין, זאפּט איין אין זיך די טאט פון די פּיאָנערן, טיף דורכגעדרונגען מיט דעם סאָציאלן פּראָטעסט, וואָס לאָזט זיך הערן אינם יידישן פאָלקס-שאפן. דאָס גיסט זיך אויס לכתחילה ביי טביהן אין זיין לירישן מאָנאָלאָג „דאָס גרויסע געווינס". דאָס לעבן פירט נאָכדעם טביהן גראָד צו צו פרהצורן, צום „פעטער" פון דער מעשה שפּרינ-צע, און טביהס פארגעפיל וועגן די „סטיקראָטן" פארוואנדלט זיך אין א קלאָרן באוווסטזיין וועגן זיי. און נישט אומזיסט טראכט טביה, זיצנדיק ביי פרהצורן, מיט אזא ליבע וועגן דעם פעפערל.



דער מטושטשדיקער פאָרגעפיל פון סאָציאלן אומרעכט צעוואקסט זיך אין טביהן אין א באשטימט-קלאָרער פאָרשטעלונג. און אזוי ארום זעען מיר, ווי טביהס פאָטער-ליידנשאפט, געקומען צום ווידעראנאנד פון סאָציאלע ענדערונגען אין יידישן לעבן, גייט דורך דורך אלע נסיונות פון דער דאָזיקער ענדערונג אינערלעך פארבונדן מיט איר פּראָגרעסיווער טענדענץ.

אָבער טביה מאכט קיין סוד נישט אויך פונם קריזיס אינם פאָלקס-באוווסטזיין, וואָס האלט נאָך אין צעשיידן זיך מיטן נא-ציאָנאל-רעליגיעזן געדאנקן-גאנג פון אונזער פארגאנגענהייט. טביהס „השגה", וואָס שטויסט זיך אָן אויף דעם דאָזיקן קריזיס, טרייבט טביהן אויך דאָ צו מאכן באדייטנדיקע, גרויסע שריט. גע-קומען פון פאָלק, וו עס האָט נישט לאנג נאָך געבליט די אתה-בחרתנו-אידעאָלאָגיע, מוז טביה אין זיינע באציונגען צו די טעכ-טער דורכמאכן דעם גאנצן וועג פונם כתריליק, ביי וועלכן דער שמועס מיט גאָט איז געווען מער א רגילות, ביז צו דעם אייגנטלעכן טביהן, פאר וועלכן די ווענדונג צו גאָט איז שטענדיק א קריטישער מאָמענט, וואָס דארף האָבן גרויסע פאָלגן. און אָט דאָ זעען מיר, באלד, אז נישט דער נאציאָנאלער פאטאָס פונם אתה-בחרתנו-פאָלק ברענגט טביהן צו שטעלן גאָט קשיות. אין טביהס אָנקומען צו גאָט איז שטענדיק פאראן א ריין-מענטשלעכער פאטאָס.

„אז מ'זעט דעם טויט, מוז מען ווערן אן אפּיקורס" — אזוי זאָגט טביה און דאָס קומט פאָר יעדער מאָל, ווען טביה לעבט אי-בער עפּעס א טויט, עפּעס א קריזיס. און טביה דערציילט דעריבער: „און אז איך האָב מיך גוט אויסגעוויינט און געזעסן אויף דער בריטשקע און איינגעטיילט מיין פערדל, נעבעך, וויפיל ס'איז אין אים אריין, האָב איך ערשט דעמאָלט געפרעגט ביי גאָט א קשיא, אזוי ווי איוב האָט אמאָל געפרעגט"...

אָט דאָס איז טביהס שטענדיקער וועג: אריינציען אין גאנג פון זיין איבערלעבונג אלע הימלישע קרעפטן, די „הימל-זאכן", ווי טביה רופט עס אָן, די טרייבקראפט פון טביהס געדאנקען איז דערביי נישט די איבערגעשפּיצקייט פון זיין מוח, נאָר די טיפ-קייט פון זיין עמאָציע. און דערפאר איז טביהס לעבן, די מעשה

וועגן רעם, ווי ,,א פאטער בלייבט א פאטער'' פארוואנדלט געווארן אין א ,,איוב-לעבן''. דעריבער זעען מיר אזוי אפט, ווי טביה, דער ,,ייד שבייד'', ווי ער רופט זיך אן, עמאנסיפירט. אזוי צו זאגן, זיין באציונג צו גאט און פרעגט ביי גאט: ,,וואס איר ווילט: פונם לעבן און פונם טויט, פון דער וועלט און פון יענער וועלט און וואס איז אזעלכעס מענטש און יואס לעבט א מענטש''...

עס זענען ווידער נישט קיין אבסטראקטע אידעען, אין וועלכע טביה וואלט אפשר גאר קיין גרויסע בריהשאפט נישט געקאנט באווייזן, נאר ווייל טביהס גדאנקען זענען שטענדיק דער עפילאג פון זיינע עמאציעס, דערפאר קלינגט אין זיי אזא גרויסע מיִשות-דיקייט, הערפאר הערט זיך אין זיי דער סך-הכל פון דער איבערלעבונג פון א גאנצן קאלעקטיוו.

עס איז דעריבער קיין חדוש נישט, פארוואס טביה קומט צו אזוי הארט צום קריזיס פונם רעליגיעזן גערדאנק.

טביה דערציילט אין דער געשיכטע וועגן זיין טאכטער ביילקען: ,,און עס ארט מיך שוין אזוי נישט אויך גאט. מיט גאט האב איך שוין ווי עס איז זיך איבערגעבעטן, — מיך ארט אויף מענטשן, למאי זאלן מענטשן זיין אזוי שלעכט, אז זיי קאנען זיין גוט''. און אט דאס דאזיקע ,,איבערבעטן זיך מיט גאט'' האט באמת געהאט א מארנעם כאראקטער. נישט אומזיסט האט גאלדע, טביהס ווייב, דערהערנדיק, ווי טביה האט זיך ,,ווי עס איז איבערגעבעטן מיט גאט'' אויסגערופן: — דו זינדיקסט, טביה...

מיט א שטילער פארביטערונג איז דורכגעדרונגען דאס דאזיקע ,,איבערבעטן זיך מיט גאט'' און עס דערמאנט אונז אזוי שטארק די ,,געזעגעניש מיטן רבש''ע'', וואס האט זיך געלאזט הערן אין דער יידישער פאלקס-שאפונג. ווי א רעכטער פאלקס-העלד האט טביה דער מילכיקער, געטריבן פון זיין פאטער-ליידנשאפט, געמוזט דורכמאכן דעם גאנצן וועג פון אונזער פאלקס-באוווסטזיין און קומען צום ,,איבערבעטן זיך ווי עס איז'' מיט גאט.

טביהס לעבנס-ענערגיע האט אבער נאך איין ריכטונג, אין וועלכער זי ווערט פארווענדעט: דאס איז די ריכטונג, וואס פירט אים פון דער וועלט און פון גאט צו זיך, צום שמידן דעם אייגענעם



ווילן, די פערזענלעכקייט. און אויך דער פראצעס ווערט פארקערפערט אין טביהס לעבן.

,,טביה ווייסט, ווי צו באגיין זיך מיטן שמן מקטרג'' — אזוי האט אונז טביה אין איין ארט דערציילט און דאס איז וויכטיק צו געדענקען. דאס איז נישט דאס אנטלויפן פון ,,יצר-הרע'' וואס מיר האבן געהאט געהערט פון פרצס חסיד. טביה מאכט פון גאר-נישט קיין סוד, ער גייט יעדן פרווו אנטקעגן. אדאנק דעם איז ער געווארן העכער פונם ,,יידן פון א גאנץ יאר''. עס איז אבער פאראן יענער אייביקער געראנגל מיט זיך, וואס וואקסט פונקט אויף אזוי פיל, אויף וויפיל דער מענטש וואקסט איבער דעם. ,,יידן פון א גאנץ יאר''. און אט דער געראנגל מיט זיך איז דער דריטער מאמענט פון טביהס לעבנס-ענערגיע.

,,און איך פייניק מיך — דערציילט טביה — און איך זאג אויף זיך אליין אז איך בין אסור לרחם — נישט ווערט, וואס די ערד טראגט מיך! וואס? וואס קאכסטו, דו משוגענער עקשן? וואס מאראבאנעסטו''? (חוה 100).

מיר האבן דא פאר זיך דעם יידן, וואס גייט ארום מיטן געדאנק ,,אט אזא משוגענער בין איך'', דעם יידן, וואס בלייבט אונטער פיר אויגן מיט זיך אליין און נעמט זיך צו משפטן.

,,איך וואלט וועלן וויסן, — פרעגט טביה — צי אלע מאנסבילן זענען אזוי, צי נאר איך בין אזא משוגענער?'' (חוה).

מיט דעמזעלבן אויסרוף: ,,אט אזא משוגענער בין איך'', ווי אלע העלדן שלום-עליכמס טרעט ארויס אויך טביה. די טראגעדיע פון טביהס השגה, וואס איז דורכגעגאנגען דורך אלע לעבנס-קאנפליקטן און האט זיך אזוי ביטער ,,ווי עס איז איבערגעבעטן מיט גאט'', איז איצט געקומען צום אורקוואל, פון וואנען זי איז ארויס, צום מענטשן גופא. און נאך דעם, ווי טביה האט אומזיסט ,,אויסנעשאטן די גאנצע תורה פאר די עלטערע טעכטער און געבליבן א נאר'' קומט טביה אין לעצטן, כמעט קאפיטל פון זיין לעבן צום באשלוס, אז די גאנצע מעשה מיט ביילקען איז אפשר זיין אייגענע שולד.

,,און אפשר, — זאגט טביה — אז מיר זאלן וועלן גוט באַ-

(3)

I blamed myself and I told myself, "I do not deserve to be pitied – I am not worthy of the earth I walk upon."

I wonder if all men are like me, or if I am the only crazy one

And yet if we look at this more closely, if we dig beneath the surface, we might find out that I am to blame as much as anyone (Tevye Goes to Palestine)

טראכטן, גריבלען זיך אביסל טיפער, קאָן זיין, אז איך אליין בין דאָ מער שולדיק פון אלעמען״...

פון איצט אָן וועט קיינער נישט זאָגן, אז טביהס העלדישע נאטור האָט נישט פון וואנען איר יניקה צו ציען.

טביהס קראפט, זיין איינגעבוירענער מוט, איז ביי טביהן נישט אזוי געווענדט אויף אויסנווייניק, ווי אויף אינווייניק. ער איז א פאָלקס-העלד, וואָס „פייניקט זיך״ אליין און שמידט אין זיך זיין אייגענעם ווילן. און אין דעם פארקערפערט זיך דער אונאויפהערלעכער וווּקס פון זיין פערזענלעכקייט.

און נאָך איין אייגנשאפט טביהס דערקלערט זיך דערמיט. דאָס ציט דורך אומזיכטיקע פעדים צווישן טביהן און יעדן מענטש, אין וועלכן ער דערשפּירט דעם זעלבן „פייער״, ווו עס שמידט זיך דער מענטשלעכער ווילן.

„אזוי שמועס איך מיך אוים מיט אים — דערציילט טביה וועגן דעם פעפערל — און פיל, אז עס ציט מיך עפּעס צו דעם דאָזיקן מענטשל, וואָס — ווייס איך אליין נישט, נאָר עס ציט״ (האָרל 79). פונקט אזוי, ווייסט אפשר טביה נישט, וואָס עס ציט אים צו מאָטל קאמזויל, בשעת ער שטייט פאר טביהן „רעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט, ווי א זינדיקער מענטש״ און פונקט אזוי טוט א ציי טביהן אויך צו זיינע טעכטער יעדעם מאָל אויפסניי, ווען זיי ווערן שעפעריש אקטיוו און אינדיווידואליסטיש. פון דער מינוט, ווען טביה האָט אויף זיך אליין געזאָגט, אז ער איז „אסור להבל״, איז ער באשענקט געוואָרן מיט דער זעלטענער פעיקייט זיינער דערשפּירן אין יענעמס הארץ דעם „פייער״, וואָס האָט אָקאָרשט אין זיין אייגן הארץ געברענט, דערשפּירן דאָס אינדיווידועלע לעבן ארום זיך.

און אָט דערמיט האָט טביהס הארמאָנישע נאטור געגעבן שטאָף פאר דער העלדישקייט, וואָס אין אים איז געווען. זי האָט אים געשטויסן צו מענטשן, זי האָט נישט געלאָזט פארשפּארן זיך אין די ד׳ אמות פון זיין אייגענער דערהויבנקייט. זי האָט געמאכט טביהס פּאַטאָס אקטיוו, זיין פּארטיפּט-זיין אין זיך — שעפעריש, זיין השגה — גרויס.



טביה איז געוואָרן א פאָלקס-העלד.

און געענדיקט האָט דער פאָלקס-העלד, וואָס איז אויסגע-געוואקסן פון „א קליין מענטשעלע מיט א קליינער השגה״, ווידער מיט א תנועה פון אזא מענטשעלע. קעגן זיין שטענדיקער רגילות האָט טביה מסכים געווען צו נעמען ביי פּדהצורן פון די מיאוסע הענט און ער פאָרט קיין ארץ-ישראל.

ווער ווייסט נישט, אז אין די ווייטערדיקע יאָרן וועט טביה זיך משפּטן, ווי זיין שטייגער איז, פארן שלום-האלטן מיט פּדהצור׳ן, פונקט ווי טביה האָט זיך געמשפּט אליין פאר דער „בוידעם״-פּריינטשאפט מיט מנחם-מענדלען? טביהס לעבן שליסט זיך אָבער דערביי.

„לך-לך״ — די לעצטע מעשה וועגן טביהן, גיט קיין שום קריזיס נישט אין טביהן, גיט נישט יענעם „טויט״, ווען טביה ווערט, לויט זיינע אייגענע ווערטער, אַן אפּיקורס. און דאָס לעבן פון א פאָלקס-העלד קומט נאָך א גאנצן גערא‍נגל מיט דער גאָרער וועלט און מיט גאָט ווידער צו זיך, צו דעם הויכן מענטשן מיט זיין השגה און עס הייסט ווידער: חייב אדם... ווי טביה הויבט אָן און פארענדיקט נישט זיין לעצט ״ערמל.

Get Thee Out
trans?

אין דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן, האָט דער פאָלקס-העלד זיך אומגעקערט אין די רייען פון די „קליינע מענטשעלעך מיט די קליינע השגות״, פון וועלכע ער האָט זיך געהאט דערהויבן. „חייב אדם״ — דערמיט אָט פארענדיקט זיין לעבנס-מאָנאָלאָג טביה דער מילכיקער, אָבער זיין לעבנס-גאנג, זיין איוב-לעבן האָט זיך איינגעקריצט אין אונזער באנייטן פאָלקס-באוווסטזיין. און אָט דאָ ענדיקט זיך דער וועג פון שלום-עליכמס „השגה״. אַנ-„אַפּעטיט צום לעבן״, קומט שלום-עליכמס השגה צו טביה דעם מילכיקן, דעם פאָלקס-העלד. עס איז נאטירלעך, אז דערביי האָבן געמוזט אומגעהייער אויסוואקסן די מכשירים פון אונזער רעאליסטישער קונסט, און אויף איניקע אזוינע מאָמענטן איז כדאי זיך אָפּצושטעלן.

## IX

אין מענדעלע-קאפיטל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויפן „יידישליכן‟ זשאנר, וואָס האָט פארנומען אזא גרויס אָרט אין אונזער רעאַליזם.

לעגנדיק דאָס הויפּט-געוויכט אויף די אַלגעמיינע סכעמעס און מאסן-בילדער, האָט מענדעלע אין די יחיד--געשטאַלטן ניט געשטרעבט צו גיין ווייטער פון די אקסיאָמעס-בילדער, פאר ויעלכע עס איז גענוג געווען דער „יידישליכער‟ זשאנר פון אויסערליכע שטריכן און עפּיזאָדישע ערשיינונגען. שלום-עליכם, וואָס האָט באפרייט די יידישע קונסט פון דער כּלל-ישראל-טענדענץ, האָט אויך אין עצם-קינסטלערישן פּראָצעס געמוזט אריינברענגען נייע מאָמענטן.

און ווירקלעך — שלום-עליכמס אנטוויקלונג, ווו עס איז געוואקסן דער מאָסשטאב פון די „השגות‟ אין זיינע ווערק, האָט באדייט אויך זיין אוועקגיין פון „יידישליכן‟ זשאנר.

אין די ערשטע ראָמאנען, ווו שלום-עליכם האָט נאָך נישט אָפּגעהיט זיין פּרינציפּ פון אינדיווידואַליזאציע, דאָרט שטרעבט ער נאָך צו געבן כּלל-ישראל-בילדער פון יידן, וואָס „האָבן ליב מוזיק און האלטן פון נגינה‟ (סטעמפּעניו), פון א טיפּישער „יידישער טאָכטער‟, פון א טיפּישן יידישן סטעמפּעניו. און אָט דאָ, ווו שלום-עליכם זוכט דאָס טיפּישע און נישט דאָס „ניט-געווענליכע‟, ווי זיין שטייגער איז, דאָ איז די קינסטלערישע רעמאַל נאָך נישט פארטיפט, עס זענען נישט ארויסבאוויזן אירע נשמה-וואַרצלען און מיר באקומען נאָך גאנץ אָפט יענע פּאָרטרעטן, וואָס זענען מער כאראַקטעריסטיק, איידער בילד. דערפאר לאָזט זיך אזוי גרינג אונטערשיידן די ענדערונג פון שלום-עליכמס מאניר אין די ערשטע קינדער-דערציילונגען און אין די מאָנאָלאָגן פון דער סעריע „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות‟.

מיר זעען, אז שלום-עליכם פארמאָגט נישט פּאַטאָס, וואָס מאכט אומרויק מענדעלעס קינסטלערישן פּראָצעס און דערהויבט די קינסטלערישע רעמאַלן ביז צו דער הויך פון סינטעזירטע מאכן-



בילדער. שלום עליכמס געביט איז אויסשליסלעך דאָס געביט פון קינסטלערישן אנאליז. מענדעלעס טבע „זיך פאָרשטעלן‟ קאָמבינירן, האָט שלום-עליכם נישט. און ווען ער איז זיך מודה אין דער הקדמה צו „סטעמפּעניו‟, אז צו מענדעלעס „פּיילן‟ קומט ער נישט, אז „מיר, יונגווארג דאנקען גאָט ווען די מעשה קומט ביי אונז ארויס בשלום‟, איז דערין באמת אָנגעוויזן א כאראַקטערים-טישער שטריך פון שלום-עליכמס שאפן. נישט נאָר די מלאכה פון מענדעלעס „פּיילן‟ איז שלום-עליכמן פרעמד, נאָר אויך דער זונען דערפון איז ווייט פון אים. וואָרום דאָס שטענדיקע „פּיילן‟ האָט באדייט ביי מענדעלען דעם קאמף מיט דער „לירישער אומאָרדנונג‟, וואָס קאָן זיך אריינכאַפּן אין א קינסטלערישן ווערק. אָט דעם קאמף האָט שלום-עליכם נישט געקענט און, משמעות, נישט געוואָלט אויף זיך נעמען.

נישט האָבנדיק מענדעלעס פּאַטאָס, האָט שלום-עליכם פון דער „לירישער אומאָרדנונג‟ אויסגעשמידט זיך זיין געווער, אדאנק וועלכן ער איז געקומען צו זיינע וויכטיקסטע קינסטלערישע דערגרייכונגען.

שלום-עליכמס „לירישע אומאָרדנונג‟ טרעט ארויס בולטער, ווי אומעטום, אין דעם מאָנאָלאָג.

עס איז שוין איצט קלאָר פאר יעדן, אז שלום-עליכמס מאָנאָלאָג איז נישט אזוי כאראקטעריסטיש פאר זיינע העלדן, ווי פאר אים אליין. סיי ביים שילדערן א קליינשטעטלדיקן יידן, סיי ביי דער דאמע פון דער „ווייסער כפּרה‟ — אומעטום קומט אָן שלום-עליכם צום מאָנאָלאָג און אומעטום ווייזט זיך ארויס זיין צוטרוי צו דער מיניאטור-פאָרם, צום קליינעם מאסשטאב, אין וועלכן ער הויבט אָן זיין דערציילונג. שלום-עליכם איז נישט פעיק צו געבן גרויסע קאָמפּאָזיציעס. אין זיינע „בלאָנזענדע שטערן‟, חגם דאָס איז זיין בעסטער ראָמאן, אין וועלכן די „אינטריגע‟ דערשטיקט נישט די קונסט, האָבן מיר אויך דאָ מאָזאיק פון קליינע קאפּיטלעך, וואָס יעדער פון זיי ברענגט א נייעם העלד, א נייע סביבה און א נייעם דיאַלעקט.

אָבער צום בולטסטן טרעט ארויס שלום-עליכמס טבע אין

זיינע מאַנאַלאָגן. דער מאַנאַלאָג — מעג ער זיין אין דער פאָרם פון מנחם-מענדלס בריוו, מאָטל דעם חזנס טאָג-בוך, אָדער סתם מאָנאָלאָגן — האָט גאָר זעלטן א באשטימטן סיוזשעט. פונקט, אזוי ווי די יידענע פון „טעפּיל" גייט אוועק פון רב, ניט האָבנדיק דערציילט, אין וואָס, אייגנטלעך, איז באשטאנען איר שאלה, אזוי וואָלטן אויך די איבעריקע העלדן שלום-עליכמס געמעגט נישט ארײַנלעגן אין זייערע מאָנאָלאָגן קיין באשטימטן סיוזשעט, און דער לעזער וואָלט דאָך דערפון וועניק פארלוירן. די אויפגאבע פונם מאָנאָלאָג איז צו פארקערפּערן די „השגה" פון שלום-עליכמס העלד און דערויף זענען פאראן ביי שלום-עליכמען אזוי פיל מיטלען, אז ער פארשפּאָרט אָנקומען צו דער האנדלונג, צום „סיוזשעט" פון מאָנאָלאָג.

עס איז שוין א כלל געוואָרן אָנצונעמען שלום-עליכמס שפּראַך, וי דאָס בעסטע קונסט-מיטל זיינס, דערין האָט מען געזען די אויפגאבע פון שלום-עליכמס מאָנאָלאָג. דער מאָנאָלאָג איז, לויט דער מיינונג, באשטימט צו באפרייען דעם „העלדס" שפּראַך, כדי זי זאָל אים אליין כאראקטעריזירן. דאָס איז געוויס אזוי. אָבער דער מאָנאָלאָג קומט נאָך ביי שלום-עליכמען, ווי אן אויסדרוק פון אנדערע מאָמענטן פון זיין קונסט.

שלום-עליכם קאָן נישט מאָלן קיין אויסגעהאלטענע ליניעס, ער קאָן נישט געבן קיין דויערנדיקן טאָן, קיין קאטעגאָרישע פארב. אין דער הינזיכט איז שלום-עליכם א זעלטענע דערשיינונג: ער איז א קלאסיקער, וואָס איז געקומען צו זיינע דערגרייכונגען מיט א ניט-קלאסישן וועג.

וואָס פאר א קינסטלערישע מאניר שטייט אונטער שלום-עליכמען?

שלום-עליכם איז אומבאהאָלפן אין די נאטור-שילדערונגען, וואָס טרעפן זיך אין זיינע ראָמאנען (ער איז זיך מודה דערין פאר ראוווניצקין), און באלד נאָך דעם טרעפן מיר אין טביה דעם מילכיקנס געשיכטעס אזעלכע בולטע שטעלן, וואָס שילדערן דאָס צוזאמענלעבן פון טביהס נשמה מיטן וואלד. אָט האָבן מיר ווידער שלום-עליכמען, וועלכער איז אומפעיק, דאכט זיך, פארטיפן



סטעמפּעניוס ליבע-ליידן און באלד נאָך דעם קומט דער „נשרף", ווו שלום-עליכם דערגרייכט ביז צו דער העכסטער טראגיק. ווו איז דער סוד דערפון? פון וואנען נעמט שלום-עליכם זיינע שילדערונגס-פעיקייטן?

אן ענטפער דערויף איז איינער: פון זיין „לירישער אומאָרדנונג". קוים צעברעכט שלום-עליכם די ראמען פון פּלאנמעסיקן דערציילן, קוים גייט ער אוועק פון באשרייבנדיקן סטיל צו זיין אייגענעם, שלום-עליכמישן, דערמאָלט פעלן אים קיינמאָל קיין מיטלען נישט אויס. און אָט דער אייגענער, שלום-עליכמישער סטיל באדייט ביי שלום-עליכמען לאָזן די „לירישע אומאָרדנונג" געוועלטיקן איבער זיך, לאָזן די עמאָציע, די אינערלעכע איבערלעבונג, זי זאָל דיקטירן דאָס בילד. און אויף אזא אופן קומט שלום-עליכם צום אימפּרעסיאָניזם.

דער אימפּרעסיאָניזם האָט באשטימטע גרענעצן וועלכע ער קאָן בשום אופן ניט איבערשטייגן. אזוי איז מיט דער קונסט פון גרויסע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע זענען פאר אים שטענדיק א סוד, אזוי איז מיט דער קונסט צו גרופּירן באשטימטע ערשיינונגען ארום איין צענטראלער פיגור, אז די דאָזיקע פיגור זאָל בלייבן שטיין, ווי א מאָנומענט. פון קיין מאָנומענטן ווייסט בכלל נישט דער אימפּרעסיאָניזם. דאָס הארבע, דאָס פעלזן-הארטע ווערט פון אים אויסגעמיידט.

און אָט די דאָזיקע סימנים געפינען מיר אין שלום-עליכמס קונסט. אלע קינסטלערישע מאָמענטן סיי די גרעסטע, סיי די קלענסטע, ווערן אונטערגעוואָרפן דער עמאָציע, וואָס רעגירט איבער זיי. דערפאר קומט אָן שלום-עליכם צום מאָנאָלאָג. דאָ איז פאראן די מעגלעכקייט צו געבן יענע מאָלעריי דורך געפילן, צו וועלכער שלום-עליכם איז אויסשליסלעך פעיק.

אין מאָנאָלאָג „אַנ'עצה" איז פאראן אזא שטעל, ווו דער יונגערמאן פארענטפערט זיך, פארוואָס ער האָט אזוי לאנג אָפּגע-

שטעלט זיך אויף דער טערקישער שאַל, וואָס עס טראָגט זיין שווי-גער. עס איז נויטיק צום ענין — פאַרענטפערט זיך דער יונגערמאַן. און ווען מיר לייענען ווייטער, זעען מיר, אז ס'איז ווירקלעך נויטיק צום ענין. די שאַל ווערט דערמאָנט לכתחילה צופעליק, כלאחר יד, ביסלעכווייז אָבער טרעט די טערקישע שאַל אַרויס אויפן ערשטן פּלאַץ און מיר זעען שוין, ווי אין איר איז פאַרקער-פּערט די גאַנצע עמאָציע, וועלכע באַהערשט דעם יונגערמאַן, וואָס האַלט דעם מאָנאָלאָג, און אזוי טרעפן מיר עס אויף יעדן שריט און טריט ביי שלום-עליכמען.

מאָטל דעם חזנס איז פאַרליבט אינם שכנס גאָרטן, און דער חשק-געפיל דיקטירט אים אזעלכע קינסטלערישע דעטאַלן און אזא פיינקייט אין דער שילדערונג פון די פּירות, וואָס הענגען אויף די ביימער, אז מיר באַקומען דאָ דעם פּרעכטיקסטן „נאַטיר-מאָרט'', וועלכן עס קאָן נאָר געבן א גרויסער מאָלער. ענלעך אזוי טרעפט מיט אַלץ, אין וואָס עס פאַרליבט זיך מאָטל דעם חזנס אימפּרע-סיאָניסטיש אויג, און אזוי פּאַסירט אויך מיטן קינד פון „מעסערל'' און אַנדערע קינדער-דערציילונגען: „בשעתן זינגען האָב איך דער-ווייל געקוקט אויף מיינע פאַרהערערס און האָב באַמערקט אויף איטליכעס פּנים איין אנדער מינע'' — אזוי דערציילט אונז דאָס קינד פון דער דערציילונג „אויפן פידל''.

געטריבן פון דער אינערלעכער איבערלעבונג, זעט דאָס אויג „אויף איטלעך פּנים אן אנדער מינע'', עס דערגרייכט צו די פיינ-סטע דעטאַלן, נאָר דערביי זענען זיי פאַרבונדן אַלע מיטן אור-קוואַל, פון וואַנען זיי שטאַמען: מיט שלום-עליכמס געמיט.

אָט שרייבט שלום-עליכם א פּאָרטרעט.

„א הויכער ייד, א גלייכער, א טרוקענער, אָנגעטון אין א לאַנ-גער, האַרטער, בלעכענער נאַקידקע, א בלעכן פּנים, א בלעכענע באָרד, און אפילו א קול אויך פון בלעך — א בלעכן קול.'' (מע הוליעט).

אזעלכע ביישפּילן וואָלט מען קאָנען ברענגען פיל, וואו שלום-עליכמס בילד קריגט א טיפן גרונט-טאָן, א דאַנק דעם אימפּרעסי-אָניסטישן כאַראַקטער זיינעם. פּונקט אזוי ערשיינט אויך אין דער



קינדער-דערציילונג „חנוכה'' „בריינע די קעכין, א שוואַרצע יידע-נע מיט וואָנצעס, מיט א פעט פּנים און מיט תמיד פעטע אויסגע-שמירטע הענט'', פּונקט אזוי טרעטן אַרויס שטענדיק אין איין ליכט די יידן מיט די געפּלעצטע נעז ס'יי אין דער דערציילונג „מתושלח'' (כתריאל דער וואַסער-פירער), סיי אין דער דערציילונג „אויפן פידל'' (בערל באַס) און אין „סטעמפּעניו'' (ר'יאַקל קאָנטרבאַס). אומעטום, וואו עס טרעט אַרויס אזא ייד מיט א געפּלעצטער נאָז, איז עס נישט בלויז קיין אונטערשייד-שטריך, וואָס קאָן פאַר-געסן ווערן. עס איז א כאַראַקטער-שטריך, אין וועלכן עס באַהעפט זיך דאָס געמיט פונם אימפּרעסיאָניסט, וואָס קוקט דערויף. דאָס רייכע האַרמאָנישע געפיל ברענגט דאָ מיט זיך טויזנטערליי ניואַנסן און דערפאַר ווערט אזוי פיין-געצייכנט שלום-עליכמס בילד. אָבער פּונקט ווי שלום-עליכם טוט עס פון זיין אייגענעם נאָמען, אזוי טוט ער עס אין די מאָנאָלאָגן פון עמיצנס נאָמען. דאָס שטימונגס-בילד הערשט אויך דאָ. די יידענע פון „גענז'' באַפאַרבט אַלץ אַרום איר מיט די שטראַלן פון איר אָנגעווייטאָגט-לירישן געמיט און דאָס הויזגעזינד פון איר אָרימער שכנה מאָלט זיך בולט אויס אויף דעם דאָזיקן פאָן. טביה דער מילכיקער זעט די וועלט אַרום אים דורך זיין אייגענעם געפיל און סיי די דערטרונקענע שפּרינצע מיט די אָפענע אויגן, סיי די געשטאָרבענע גאָלדע, וואָס ליגט „ווי א בערגל ערד, האָט מען צונויפגעשאַרט און צוגעדעקט מיט שוואַרצן'' — דאָס אַלץ ווערט אויפן ריין-אימפּרעסיאָניסטישן אופן פאַר-גלעט, פאַרטושירט, אזוי, אז עס בלייבט מער נישט נאָר די שטי-מונג, דאָס נעפּלדיקע רויכל, וואָס באַוועהט בכלל טביהס לעבן.

און נישט אומזיסט זאָגט זיך אָפּ שלום-עליכם מיט אזא קינסטלערישן מוט פונם יידישן סטערעאָטיפּ, פונם יונגערמאַן מיט די „רחמנות-אויגן''. האָבנדיק נאָר איין טרייבקראַפט אין זיין קונסט, די טיפע איבערלעבונג, האָט שוין שלום-עליכם דעם מוט צו שרייבן די דערציילונג „שיר השירים'' אפילו. וואָרים, קוים האָט שלום-עליכם זיך דערנענטערט צו יענער איבערלעבונג און אָרגאַניש זי איינגעזאַפּט אין זיך, האָט זי אים שוין דיקטירן אויך אַלע קינסטלערישע דעטאַלן.



trans.
looking just like a little mound of earth that had been raked together & covered with a black cloth

?

?

און אַט מיט דעם דאָזיקן וועג איז שלום-עליכם געקומען דערצו, אַז ער האָט פאַרקערפּערט אין יידישן רעאַליזם די גאַנצע האַרמאָניע פון זיין גייסט.

ווען אין פּרצן האָט אויפגעוואַכט דאָס שטרעבן נאָך האַר-מאָנישע געשטאַלטן, האָט עס אָפּטמאָל שוין ממילא באַדייט זיין אוועקגיין פון רעאַלן בילד. אין דעם גרויסן פעלד פון יידישן לעבן, וואו עס איז נאָר איין מענדעלע געווען דורכגעגאַנגען מיט זיין שווערן אַקער, האָט פאַר פּרצן נאָך אַלץ אויסגעזען צו-עקיק, פאַר-שפּיצט, צו גרעל און אַנטבלויזט. די אַנטבלויזטקייט פון אַלע יידישע ווינקלען, די נאַקעטקייט פון יידישע געשטאַלטן האָט ניט געקאָנט צופרידנשטעלן פּרצס דורשט נאָך האַרמאָניע, און פּרץ, ווי ער דערציילט אין די „זכרונות”, האָט זיך געשאַפן זיין מעטאַר צו „שאַפן פון דערווייטנס”. דאָס האָט באַדייט פאַר פּרצן די היסטאָרישע ווייטקייט, דער קוק פון שטאַנדפּונקט פון דער „גאָלדענער קייט”...

שלום-עליכמס אימפּרעסיאָניזם האָט אים געגעבן די מעגליכ-קייט צו געבן האַרמאָנישע בילדער, פאַרבלייבנדיק אין דער קעגנ-וואַרט גופא. אַראָפּשווענקענדיק דאָס מיסטיקע, אומנוציקע און גרעלע פון יידישן לעבן חורכן געפיל, וואָס פּאַסט דאָס אַלץ אויף, האָט שלום-עליכם געלאָזט שוועבן אַרום די יידן און יידענעס פון די מאָנגאָלאָגן א נעפּלדיק רויכל, וואָס שטאַמט פון זייער געמיט. און ווייל קיין צענטראַלע פיגורן זיינען אין די דאָזיקע געמיט-זעאָנגען נישטאָ, קומט שלום-עליכם דורך א ריי ניואַנסן צום האַר-מאָנישן בילד, ווי טביה דער מילכיקער, ווי מאָטל דעם חזנס. די האַרמאָנישקייט, וואָס שלום-עליכם האָט אַריינגעטראָגן אין יידישן רעאַליזם, איז דער ליכטיקסטער גאָב זיינער.

און דערמיט האָט שלום-עליכם פאַרענדיקט דעם פאָרמאַ-ציאָנס-פּעריאָד פון יידישן רעאַליזם.

אָנהויבנדיק זיך ביי מענדעלען, וואָס האָט מיט זיין אינס-



טינקטיוון שאַפן פון א פּרימיטיוון פאָלקס-קינסטלער רעאַגירט נאָר אויף דאָס מגושמדיקע און דיסהאַרמאָנישע, גייט דער יידישער רעאַליזם דורך פּרצן, וואָס האָט דאָס געבאָט פון האַרמאָניע פאַר-קערפּערט אין דער היסטאָרישער ווייט, צו שלום-עליכמען, וועלכער האָט מיט זיין אימפּרעסיאָניסטישער קונסט געשאַפן נייע מיטלען צו פאַרקערפּערן די האַרמאָניע פון אונזער לעבן.

קיעוו, 1916—1918